בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פון חִיזוּק, אֱמוּנָה און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן, גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא

תש"פ

היכל הקודש

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

| | |
|---|---|
| **היכל הקודש וויליאמסבורג**<br>Heichal Hakodesh Williamsburg<br>27 Skillman Street<br>**718-384-1652** | **היכל הקודש בארא פארק**<br>Heichal Hakodesh Boro Park<br>1011 41 Street<br>**718-384-1652** |
| **היכל הקודש קרית יואל**<br>Heichal Hakodesh Kiryas Joel<br>8 Hayes Ct.<br>**845-467-5299** | **היכל הקודש קרית יואל**<br>Heichal Hakodesh Kiryas Joel<br>8 Premishlan Way.<br>**845-243-0563** |
| **היכל הקודש בלומינגראוו**<br>Heichal Hakodesh Blominggrove<br>24 Merriewold Ln S<br>**845-379-1161** | **היכל הקודש מאנסי**<br>Heichal Hakodesh Monsey<br>32 Dolson Rd.<br>**347-733-7551** |

**Visit Our Web Site:**
**www.BreslevCenter.com**

**צו הערן די הערליכע שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט**

| | |
|---|---|
| **קול ברסלב**<br>212-444-9191 | **חיזוק פאר די אידישע שטוב**<br>212-444-9169 |

## חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

| | |
|---|---|
| **אימעיל**<br>chizikyomi@gmail.com | **טעלעפאון מעסידזשינג**<br>347-630-2876 |

## חיזוק צום טיר!

איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות, ניגונים סידי'ס, USB'ס, און נאך;
דעליווערט צו אייער טיר! רופט אריין: 347-509-4908

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


וָואס זֶענֶען דִי מִנְהָגִים בַּיים אָפְּשֶׁערְן אַ אִינְגֶל?........................א

דֶער מְלַמֵד הֶערְט נִישְׁט אוֹיף שְׁלָאגְן מַיין אִינְגֶל, וִוי אַזוֹי רַאטֶעוֶוע
אִיךְ אִים? ..............................................................ב

מֶעג מֶען לֶערְנֶען פַּארְ'ן גֵיין אִין מִקְוֶה?...............................ד

וִוי אַזוֹי זֶעט מֶען זִיךְ אַרוֹיס פוּן אַ מַחְלוֹקֶת?..........................ה

וָואס טוּט מֶען וָוען מֶען וֶוערְט נִישְׁט גֶעהָאלְפְן דוּרְךְ תְּפִלָּה?..........ו

וֶועלְכֶע קָאלִירְן פוּן קְלֵיידֶער אִיז נִישְׁט צְנִיעוּת'דִיג? ....................ח

אִיז דָא אַ וֶועג אַרוֹיס פוּן מַיינֶע עֲבֵירוֹת? ...............................ט

מֶעג מֶען זִיךְ שַׁיין מַאכְן בַּיי דִי שַׁבָּת לִיכְט? ............................י

וִוי אַזוֹי לֶערְנְט מֶען אוֹיס קִינְדֶער זִיךְ צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן?.............יב

וָואס טוּ אִיךְ אַז קֵיינֶער טְרָאגְט נִישְׁט אָן קַיין שִׁידוּכִים? ..............יג


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


סְגוּלוֹת וָואס זָאל הֶעלְפְן פַאר דִי וַוייבּ. ...................................א

קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס הֵייסְט מְחַיֶ' זַיין אַ אִיד.............א

פְרוֹיעֶן צוּזַאמְקוּם אִיבֶּערָאל וואוּ עֶס וואוֹינֶען אִידְן......................ג

מֶען דַארְף מַאכְן נָאךְ סִידוּ''ס פוּן נִגוּנֵי אֱמוּנָה.............................ד

סְגוּלָה קֶעגְן "עַיִן הָרָע". .........................................................ד

דַיין זְכוּת אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס מִיטְן הֶעלְפְן דְרוּקְן דֶעם עֶרְשְׁטְן חֵלֶק
"עֲצָתוֹ אֱמוּנָה"...................................................................ה

פַאר עֶלְטֶערְן דֶערְצֵיילְט מֶען נָאר גוּטְס. ........................ה
דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה וֶועסְטוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.................ו
נִישְׁט דֶערְצֵיילְן פַאר׳ן קִינְד לָשׁוֹן הָרָע אוֹיף אִיר טַאטֶע...............ז
אַנְטְלוֹיף פוּן תַּאֲוַת מָמוֹן. ......................................ח
כַאפּ אַרַיין פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת. .......................................י
אַ פְּרֵיילִיכֶע אַטְמָאסְפֶער צְוִוישְׁן דִי קִינְדֶער.......................יא
קְבִיעוּת עִתִּים לְתוֹרָה. .......................................יא
לָאז נִישְׁט דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע דִיר צֶעבְּרֶעכְן....יב
דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַוֶועק שְׁטֶעלְן אַ מִנְיָן אִין רֶבִּינְ׳ס בֵּית הַמֶּדְרָשׁ.....יג
יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר׳ן מִיר הֶעלְפְן בַּאצָאלְן דִי חוֹבוֹת. ......................יד
וִויפִיל מָאל דוּ פַאלְסְט נָאר, הוֹיבּ זִיךְ צוּרִיק אוֹיף.....................יד
הַאלְט דַיין וַוייבּ חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר ..................................טז
וִוי שֶׁעמְט זִיךְ נִישְׁט אַ אִיד צוּ רֶעדְן צוּ אִידְן אַנְטְקֶעגְן דִי תּוֹרָה. .....יז
אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין חֲבֵרִים, אוֹיבּ יָא אִיז דִי וַוייבּ דֶער עֶרְשְׁטֶער......................................יח

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**וָואס זֶענֶען דִי מִנְהָגִים בַּיים אָפְּשֶׁערְן אַ אִינְגְל?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ גְרֵייט זִיךְ בָּרוּךְ ה' צוּם אָפְּשֶׁערְן פוּן מַיין אִינְגֶעלֶע, אִים צוּ מַאכְן פֵּיאוֹת, וְויל אִיךְ פְרֶעגְן אוֹיב עֶס אִיז דָא גֶעווִיסֶע מִנְהָגִים וָואס מֶען דַארְף זִיךְ פִירְן אִין דֶעם טָאג, פַאר'ן אִינְגְל אוּן פַאר דִי עֶלְטֶערְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, ב' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ גֵייסְט מַאכְן הֵיילִיגֶע פֵּיאוֹת פַאר דַיין קִינְד, פֵּיאוֹת אִיז דֶער יְסוֹד פוּן אַ אִיד.**

קוּק וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת גִילּוּחַ הֲלָכָה ג', אוֹת ב'): "עִקַּר הַדָּת יִשְׂרָאֵל וְעִקַּר הַיַּהֲדוּת תָּלוּי בְּזָקָן וּפֵאוֹת", דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת אִיז אַן עִיקָר פוּן אַ אִיד אוּן פוּן דָאס גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט, "וּבָהֶם נִכָּר הַיְּהוּדִי כִּי הוּא מִזֶּרַע בֵּרַךְ ה', מִזֶּרַע יִשְׂרָאֵל", אוּן מֶען דֶערְקֶענְט אַ אִיד דוּרְךְ זַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת אַז עֶר אִיז אַ אִידִישׁ קִינְד. "וּמִי שֶׁרוּחַ אַחֶרֶת עִמּוֹ, חַס וְשָׁלוֹם, וְרוֹצֶה לְכַפֵּר, חַס וְשָׁלוֹם, בֶּאֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל", אוּן וֶוער עֶס וְויל לֵייקֶענֶען אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "תְּחִלַּת הַכְּפִירָה הוּא, שֶׁמַּשְׁלִיךְ חַס וְשָׁלוֹם מֵעָלָיו הַזָּקָן וְהַפֵּאוֹת", דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ נֶעמְט עֶר אַרָאפּ זַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, "כִּי בֶּאֱמֶת כָּל דַּת יִשְׂרָאֵל הַקָּדוֹשׁ הוּא תָּלוּי בְּזָקָן וּפֵאוֹת", וַוייל דָאס גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען

אִינֶעם בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת; קוּק אַרַיין דָארְט זַיינֶע הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער מֶער בַּאֲרִיכוּת.

מֶען פִּירְט זִיךְ אַז דָאס קִינְד זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קַיין גוֹיִם אִינֶעם טָאג וָואס עֶר וֶוערְט דְרֵיי יָאר, דֶערְפַאר וֶוען מֶען טְרָאגְט אִים אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ צוּ גֵיין אִין חֵדֶר וִויקֶלְט מֶען אִים אַרוּם מִיט אַ טַלִית, כְּדֵי עֶר זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קַיין גוֹיִם.

מֶען פִּירְט זִיךְ צוּ גֵיין אִין חֵדֶר; דֶער מְלַמֵּד זָאגְט מִיטְ'ן קִינְד דִי א-ב, אוּן נָאכְדֶעם שְׁמִירְט דֶער מְלַמֵּד אָן דִי א-ב מִיט הָאנִיג אוּן דָאס קִינְד לֶעקְט אָפּ דִי הָאנִיג פוּן דִי א-ב.

זָאלְסְט מַקְפִּיד זַיין אַז דִי פֵּיאוֹת זָאלְן זַיין שֵׁיין גֶעקְרֵייזְלְט; דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען צוּ גֵיין מִיט שֵׁיינֶע גֶעקְרֵייזְלְטֶע פֵּיאוֹת (עַיֵּין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקז), עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶס לִיגְט אִין דֶעם גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~

## דֶער מְלַמֵּד הֶערְט נִישְׁט אוֹיף שְׁלָאגְן מַיין אִינְגְל, וִוי אַזוֹי רַאטֶעוֶוע אִיךְ אִים?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין אִינְגְל אִיז אַרַיין דָאס יָאר צוּ אַ נֵייעֶר מְלַמֵּד אִין כִּתָּה ו', דֶער מְלַמֵּד הָאט אַ מִנְהָג אַז אָנְהוֹיבּ יָאר שְׁלָאגְט עֶר יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן טָאג דִי קִינְדֶער מִיט אַ שְׁטַארְקֶע רְצִיחָה פַאר יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ, וִוי לְמָשָׁל נִישְׁט טַייטְלֶען אִינְמִיטְן פָּארְלֶערְנֶען, אוּן אַזוֹי קוּמְט מַיין אִינְגְל אַהֵיים יֶעדְן טָאג וֵויינֶענְדִיג.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶערֶעדְט צוּם מְנַהֵל עֶטְלִיכֶע מָאל, עֶר פַארְשְׁטֵייט אָבֶּער נִישְׁט וָואס דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז, עֶר זָאגְט אַז זַיינֶע אֵיינִיקְלֶעךְ הָאבְּן אוֹיךְ גֶעלֶערְנְט בַּיי דֶעם מְלַמֵּד אוּן עֶר שֶׁעפְּט פוּן זֵיי נַחַת, אוּן עֶס אִיז גָארְנִישְׁט אַז מֶען שְׁלָאגְט אַ אִינְגְל, אַזוֹי וַואקְסְט מֶען אוֹיף עֶרְלִיכֶע אִידְן.

וָואס נָאךְ קֶען אִיךְ טוּן דֶערְוֶועגְן? אִיךְ וִויל נִישְׁט אַז מַיין אִינְגְל זָאל חָרוּב גֵיין.

יְיַשֶׁר כֹּחַ.

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ט חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֵיי אַרִיבֶּער צוּם מְלַמֵּד אוּן רֶעד מִיט אִים; קוֹדֶם זָאלְסְטוּ רֶעדְן מִיט אִים מִיט
~~~~~~~~~~~

שֵׁיינֶעם, זָאג אִים וִוי שְׁטַארְק דוּ בִּיסְט צוּפְרִידְן אַז דַיין קִינְד לֶערְנְט בַּיי אִים אוּן וִוי שְׁטַארְק דַיין זוּן הָאט לִיבּ זַיין רֶבִּי. דֶערְנָאךְ דֶערְצֵייל אִים אַז דַיין קִינְד קוּמְט אַהֵיים וֵויינֶען יֶעדְן טָאג, עֶר צִיטֶערְט צוּ גֵיין אִין חֵדֶר, מַמָּשׁ עֶר וֵויינְט פוּן פַּחַד. בֶּעט אִים שֵׁיינֶערְהֵייט אַז עֶר זָאל נִישְׁט שְׁלָאגְן דַיין קִינְד.

אוֹיבּ וֶועט דָאס נִישְׁט הֶעלְפְן אוּן דַיין קִינְד וֶועט וַוייטֶער אַהֵיים קוּמֶען וֵויינֶען אַז עֶר כַאפְּט פֶּעטְשׁ, זָאלְסְטוּ אָנְכַאפְּן דֶעם מְלַמֵּד בַּיים קַארְג אוּן אִים זָאגְן חַד מִשְּׁמָעֵי: "אוֹיבּ דוּ וֶועסְט שְׁלָאגְן מַיין קִינְד וֶועל אִיךְ דִיר גֶעבְּן אַזֶעלְכֶע קְלֶעפּ, אִיךְ וֶועל דִיר צֶעבְּרֶעכְן דִי בֵּיינֶער". וַוייל אֵיינֶער וָואס שְׁלָאגְט טָאר נִישְׁט אַרְבֶּעטְן מִיט קִינְדֶער, אַזַא אֵיינֶער דַארְף אַרְבֶּעטְן בַּי דִי מִיסְט. מוֹהַרָא"שׁ פְּלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן אַז דִי וָואס שְׁלָאגְן דַארְפְן אַרְבֶּעטְן בַּיים שְׁלֶעפְּן דִי מִיסְט, וַוארְפְן אוּן הַאקְן דִי מִיסְט קַאנֶעס (גַארְבִּידְזְשׁ קֶענְס).

וִויפִיל קִינְדֶער פַאלְן אַוֶועק פוּן אִידִישְׁקֵייט וַוייל מֶען הָאט זֵיי גֶעשְׁלָאגְן אוּן גֶע'הַרְגְ'ט וֶועגְן טַייטְלֶען וְכַדוֹמֶה; אַז דֶער מְנַהֵל הָאט אַ נֵס אַז עֶר הָאט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען מִיט זַיינֶע קִינְדֶער מֵיינְט נָאךְ נִישְׁט אַז אַלֶע וֶועלְן מַצְלִיחַ זַיין אוֹיף דֶעם וֶועג, "אֵין סוֹמְכִין עַל הַנֵּס (פְּסָחִים סד:)".

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל נִישְׁט שְׁלָאגְן קַיין קִינְדֶער. אַז מֶען טְרַאכְט גוּט אַרַיין זֶעט מֶען אַז פֶּעטְשׁ אִיז בִּכְלָל נִישְׁט קַיין חִינוּךְ; וֶוען מֶען שְׁלָאגְט אַ קִינְד אִיז דָאס נָאר אוֹיסְצוּגֶעבְּן דִי נֶערְוְון, דֶערִיבֶּער טָאר מֶען נִישְׁט שְׁלָאגְן קַיין קִינְדֶער. נִישְׁט נָאר עֶס וֶועט נִישְׁט הֶעלְפְן, עֶס וֶועט נָאר מַאכְן אַסַאךְ עֶרְגֶער וְכוּ'.

(אוֹיבּ דוּ וֶועסְט דַארְפְן נוּצְן דֶעם וֶועג, זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז דַיין קִינְד זָאל נִישְׁט וִויסְן פוּן דֶעם כְּדֵי עֶר זָאל נִישְׁט מְזַלְזֵל זַיין אִין זַיין מְלַמֵּד, מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ שֶׁעצְן דֶעם מְלַמֵּד פַארְ'ן קִינְד. דָאס זָאל זַיין פְּרִיוַואט צְוִוישְׁן דִיר אוּן דֶער מְלַמֵּד וד"ל).

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן, עֶלְטֶערְן דַארְפְן אַסַאךְ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער; מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וִוי אַזוֹי הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזֶעלְכֶע גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר זי"ע גֶעעֶנְטְפֶערְט: "יֶעדֶע נַאכְט בִּשְׁעַת אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט תִּיקּוּן חֲצוֹת הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעפִילְט אַ כּוֹס מִיט טְרֶערְן, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן פַאר גוּטֶע קִינְדֶער"; דָאס אִיז דֶער וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~

## מֶעג מֶען לֶערְנֶען פַאר'ן גֵיין אִין מִקְוֶה?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

וָואס אִיז דִי הַלָכָה וֶועגְן זָאגְן תְּהִלִּים, בִּרְכּוֹת הַתּוֹרָה, לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, פַאר'ן גֵיין אִין מִקְוֶה, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ וֶוען עֶס אִיז נוֹגֵעַ אוּן מֶען דַארְף גֵיין אִין מִקְוֶה.

אִיךְ הָאב לִיבּ צוּ לֶערְנֶען פַארְטָאגְס אִינְדֶערְהֵיים וֶוען דִי קִינְדֶער שְׁלָאפְן נָאךְ אוּן וֶוען זֵיי שְׁטֵייעֶן אוֹיף, עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה אוּן נָאכְדֶעם צוּרִיק אַהֵיימְגֵיין.

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, ב׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵו, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוֹבֵל'ט זִיךְ אִין מִקְוֶה טוֹבֵל'ט מֶען זַיין נְשָׁמָה אוֹיבְן אִין הִימְל. מֶען אִיז זוֹכֶה אַרָאפּ צוּ נֶעמֶען פוּן זִיךְ אַלֶע דִינִים, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת הַמְתָּקַת הַדִּין, סִימָן כב): ״עַל יְדֵי טְבִילַת מִקְוֶה נִתְבַּטֵּל הַצָּרוֹת, וִישׁוּעָה בָּאָה״.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט: ״׳מִקְוֶה׳ אִיז דִי זֶעלְבֶּע לָשׁוֹן פוּן ׳תִּקְוָה׳; אַז מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה הָאט מֶען אַ תִּקְוָה אַז מֶען וֶועט אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן״. אַזוֹי אוֹיךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַהֲרֹן קַארְלִינֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזָאגְט: ״מִקְוֶה אִיז טַאקֶע נִישְׁט קַיין מִצְוָה, אָבֶער צוּ וָואס מִקְוֶה קֶען צוּבְּרֶעכְנְגֶען קֶען נִישְׁט קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע מִצְוָה צוּבְּרֶעכְנְגֶען״.

אוֹיבּ מֶען הָאט אַ מִקְוֶה אִיז זִיכֶער אַז עֶס אִיז כְּדַאי צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה פַאר'ן לֶערְנֶען אוּן זָאגְן תְּהִלִּים. וֶוען דוּ וָואלְסְט גֶעווּסְט דָאס גְרוֹיסְקֵייט וָואס מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין וֶוען מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה וָואלְסְטוּ זִיכֶער דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ גֶעטוּן, גֶעלָאפְן אִין מִקְוֶה. קוּק וָואס דֶער הֵיילִיגֶער מָאוֹר וָשֶׁמֶשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ שְׁרַייבְּט (פַּרְשַׁת אֱמוֹר) אַז דִי כַּת שַׁ״ץ יִמַּח שְׁמָם זֶענֶען גֶעוָוארְן אֶפִּיקוֹרְסִים וַוייל זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶעוֶוען נִזְהָר אִין טְבִילַת עֶזְרָא; זֵיי הָאבְּן עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין קַבָּלָה אָן טָהֳרָה. אוּן פַארְקֶערְט אוֹיךְ, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ
~~~~~~~~~~~

יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת וַוייל עֶר הָאט זִיךְ אַסַאךְ גֶע׳טוֹבֵל׳ט.

אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין מִקְוָה דֶעמָאלְט קֶען מֶען זִיךְ מְטַהֵר זַיין מִיט תִּשְׁעָה קַבִּין (פַארְשְׁטֵייט זִיךְ נָאר טְבִילַת עֶזְרָא) נִישְׁט מְבַטֵל צוּ זַיין תּוֹרָה וּתְפִילָה, אָבֶער אַז מֶען הָאט אַ מִקְוָה אִיז זִיכֶער מֶען זָאל גֵיין וִוי שְׁנֶעלֶער זִיךְ טוֹבֵל׳ן אַרָאפּ צוּ נֶעמֶען אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~

### ווִי אַזוֹי זֶעט מֶען זִיךְ אַרוֹיס פוּן אַ מַחְלוֹקֶת?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ צְוֵויי שְׁוָואגֶערְס וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען שׁוּתְּפִים אִין אַ בִּיזְנֶעס אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ צוּם סוֹף צֶעקְרִיגְט אוֹיף זֵייעֶר אַ שְׁוֶועֶרֶע פַארְנֶעם, מֶען זִיצְט אַסַאךְ בַּיי דִין תּוֹרָה'ס אוּן מֶען רֶעדְט זֵייעֶר אַסַאךְ אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְווייטְן. אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן אַרַיינְגֶעמִישְׁט אִינְדֶערְמִיט קֶעגְן מַיין ווִילְן, וַוייל מַיין טַאטֶע שִׁיקְט מִיט מִיר מֶעסֶעדְזְשֶׁעס צוּ מַיין שְׁוֶוער אוּן מַיין שְׁוֶוער שִׁיקְט אוֹיף צוּרִיק, אוּן בֵּיידֶע שְׁוָואגֶערְס זֶענֶען בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר וַוייל יֶעדֶער הַאלְט אַז אִיךְ הֶעלְף דִי אַנְדֶערֶע זַייט. אוּן אַזוֹי וֶוער אִיךְ צֶערִיסְן פוּן בֵּיידֶע זַייטְן. ווִי אַזוֹי זֶעט מֶען זִיךְ אַרוֹיס פוּן אַזַא פְּלָאנְטֶער?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, ב׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵו, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת פַּחַד, חֵלֶק ב׳, סִימָן ג): ״מִי שֶׁבּוֹרֵחַ מִן הַצָּרָה, הוּא פִּקֵּחַ״, אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ אַנְטְלוֹיפְט פוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען; נֶעם דִיר דִי וֶוערְטֶער פַאר דַיין וֶועג וַוייזֶער אִין לֶעבְּן: ״זָאלְסְט אַנְטְלוֹיפְן פוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען״.

אַז דַיין מִשְׁפָּחָה אִיז פַארְמִישְׁט מִיט מַחְלוֹקֶת, וָואס דַארְפְסְטוּ אַרַיין שְׁטֶעקְן דַיין קָאפּ צְווִישְׁן זֵיי? בַּיים סוֹף וֶועסְטוּ לַיידְן מֶער פוּן אַלֶעמֶען, וַוייל מֶען וֶועט דִיר נֶעמֶען פַארְ׳ן כַּפָּרָה הִינְדְל. אַזוֹי ווִי מִיר גֶעפוּנֶען, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (בְּרָכוֹת נו.): רָבָא אִיז גֶעזִיצְן אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ וֶוען פְּלוּצְלִינְג הָאט עֶר גֶעהֶערְט אַ גֶעשְׁרֵיי, עֶר הָאט
~~~~~~~~~~

גֶעזֶען ווי צְוֵויי בְּלִינְדֶע מֶענְטְשְׁן קְרִיגְן זִיךְ, אִיז רָבָא צוּגֶעגַאנְגֶען אוּן אָפְּגֶעטֵיילְט אֵיינֶער פוּנֶעם צְוֵוייטְן, הָאבְּן זֵיי בֵּיידֶע גֶענוּמֶען שְׁלָאגְן רָבָא; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז וֶוען מֶען זֶעט ווי מֶען קְרִיגְט זִיךְ זָאל מֶען אַנְטְלוֹיפְן פוּן דָארְט נִישְׁט צוּ הָאבְּן צוּ טוּן מִיט דִי מַחֲלוֹקֶה.

זָאלְסְט נִישְׁט טְרָאגְן אוּן בְּרֶענְגֶען שְׁלֶעכְטְס פוּן אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן; אַז דַיין טַאטֶע הֵייסְט דִיר זָאגְן דָאס אוּן יֶענְץ מֵיינְט נִישְׁט אַז דוּ דַארְפְסְט דָאס טוּן, דָאס אִיז נִישְׁט כִּיבּוּד אָב; מֶען הֶערְט אוֹיס וָואס דֶער טַאטֶע זָאגְט, מֶען עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט אוּן מֶען טְרָאגְט נִישְׁט וַוייטֶער.

כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז נִישְׁט דָאס, נִישְׁט יֶעדֶע זַאךְ דַארְף מֶען טוּן וְכוּ׳; כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּב. אַז דוּ וֶועסְט בּוֹיעֶן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּב, דוּ וֶועסְט מְכַבֵּד זַיין דַיין וַוייבּ אוּן מְחַנֵּךְ זַיין דַיינֶע קִינְדֶער - דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע כִּיבּוּד אָב וָאֵם.

דֶער גְרֶעסְטֶער כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז וֶוען עֶלְטֶערְן זֶעעֶן ווי דִי קִינְדֶער פִירְן זִיךְ אוֹיף עֶרְלִיךְ, אַזוֹי ווי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו.) אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (דְּבָרִים ו, ה): "וְאָהַבְתָּ אֵת ה׳ אֱלֹקֶיךָ" - זָאלְסְט זֶען עֶס זָאל אַרוֹיס קוּמֶען אַ קִידּוּשׁ הַשֵּׁם דוּרְךְ דִיר אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל בַּאלִיבְּט וֶוערְן דוּרְךְ דִיר. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אֵיידְל אוּן צְנִיעוּת׳דִיג אוּן פִירְט זִיךְ ווי עֶס דַארְף צוּ זַיין, וָואס זָאגְן מֶענְטְשְׁן? "אַשְׁרֵי אָבִיו שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה", ווארִיל זֶעגֶען זַיינֶע עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן אִים גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה; "אַשְׁרֵי רַבּוֹ שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה", ווארִיל אִיז פַאר זַיין רֶבִּי וָואס הָאט אִים גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה; "אוֹי לָהֶם לַבְּרִיּוֹת שֶׁלֹּא לָמְדוּ תּוֹרָה", וֵויי אִיז פַאר דִי מֶענְטְשְׁן וָואס לֶערְנֶען נִישְׁט קֵיין תּוֹרָה. וֶוען אֵיינֶער פִירְט זִיךְ אוֹיף עֶרְלִיךְ זָאגְן דִי מֶענְטְשְׁן: "קוּקְט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, וִויבַּאלְד עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה פִירְט עֶר זִיךְ אוֹיף אַזוֹי עֶרְלִיךְ". אוֹיף אִים זָאגְט דֶער פָּסוּק (יְשַׁעְיָהוּ מט, ג): "וַיֹּאמֶר לִי עַבְדִּי אָתָּה, יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּארִימְט זִיךְ מִיט אַזַא אֵיינֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן שֵׂכֶל זָאלְסְט שְׁטֵיין וַוייט פוּן מַחֲלוֹקֶת.

...

~~~~~~~~~~~

## וָואס טוּט מֶען וֶוען מֶען וֶוערְט נִישְׁט גֶעהָאלְפְן דוּרְךְ תְּפִלָּה?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער כְּסֵדֶר פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ אִיז נָאר תְּפִלָּה. וִויל אִיךְ וִויסְן אוֹיבּ עֶס אִיז טַאקֶע מַמָּשׁ אַזוֹי, וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַמָאל דְּרָשׁוֹת פוּן מַגִּידִים אַז מֶען קֶען
~~~~~~~~~~~

בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָבֶּער אוֹיב בַּאקוּמְט מֶען נִישְׁט וָואס מֶען הָאט גֶעבֶּעטְן, מֵיינְט דָאס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט "נֵיין" אוֹיף דִי תְּפִלָּה, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט גוּט מֶען זָאל בַּאקוּמֶען יֶענֶע זַאךְ.

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ טַאקֶע וִויסְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶנְטְפֶערְט מִיר? אַסַאךְ מָאל בֶּעט אִיךְ אַ זַאךְ אוּן אִיךְ זֶע אַז אִיךְ בַּאקוּם עֶס נִישְׁט, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ וִויסְן אוֹיב דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל מִיר נִישְׁט גֶעבְּן דִי זַאךְ, אָדֶער אִיךְ דַארְף פָּשׁוּט נָאךְ וַוייטֶער בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מִיר גֶעבְּן וָואס אִיךְ דַארְף.

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, ב׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵו, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א׳, סִימָן קצו): ״אָסוּר לָאָדָם לַעֲמֹד עַצְמוֹ עַל שׁוּם דָּבָר, הַיְנוּ שֶׁאָסוּר לְהִתְעַקֵּשׁ בִּתְפִלָּתוֹ - שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יַעֲשֶׂה לוֹ דַּוְקָא אֶת בַּקָּשָׁתוֹ וכו׳״, אַ מֶענְטְשׁ טָאר זִיךְ נִישְׁט אַיינְ׳עַקְשְׁנְ׳עֶן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוּז אִים טוּן וִוי אַזוֹי עֶר וִויל, ״רַק צָרִיךְ לְהִתְפַּלֵּל וּלְהִתְחַנֵּן לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּרַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים, אִם יִתֵּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יִתֵּן, וְאִם לָאו לָאו״, נָאר מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט רַחְמָנוּת, אַזוֹי וִוי מֶען בֶּעט זִיךְ בַּיי אֵיינֶעם עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן; אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן אִיז גוּט, אוּן אַז עֶר וֶועט אִים נִישְׁט נָאךְ גֶעבְּן אִיז נִישְׁט. דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט אוֹיס וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ב, יג): ״אַל תַּעַשׂ תְּפִלָּתְךָ קֶבַע״, אַז קֶבַע אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן גְזֵילָה, ״הַיְנוּ שֶׁכָּל מַה שֶּׁהוּא מְבַקֵּשׁ, הֵן פַּרְנָסָה אוֹ בָּנִים אוֹ שְׁאָר צְרָכִים, אָסוּר לְהִתְעַקֵּשׁ וְלַעֲמֹד עַצְמוֹ בִּתְפִילָּתוֹ, שֶׁדַּוְקָא יַעֲשֶׂה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אֶת תְּפִלָּתוֹ״, וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף פַּרְנָסָה, אוֹיף קִינְדֶער אָדֶער סַיי וֶועלְכֶע אַנְדֶערֶע גֶעבֶּעט, טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט אַיינְ׳עַקְשְׁנְ׳עֶן אַז עֶס מוּז זַיין אַזוֹי וִוי עֶר וִויל, ״כִּי זֶה הוּא תְּפִילַּת קֶבַע, שֶׁלּוֹקֵחַ הַדָּבָר בְּחָזְקָה בִּגְזֵלָה״, וַוייל דָאס אִיז אַזוֹי וִוי דוּ גַנְבְ׳עֶסְט מִיט דַיינֶע תְּפִילּוֹת, ״רַק יִתְפַּלֵּל רַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים כַּנַּ״ל״.

וֶוען מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק נִישְׁט אוֹיף צוּ גֶעבְּן, וֶוען מֶען זֶעט וִוי עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַסַאךְ צַייט אוּן מֶען בַּאקוּמְט נִישְׁט וָואס מֶען בֶּעט; מֶען דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת אוֹיס צוּ וַוארְטְן אוֹיף דִי יְשׁוּעָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וַוייטֶער מִתְפַּלֵּל זַיין צוּ אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוּן שִׁיקְן דִי יְשׁוּעָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

## װעלְכֶע קָאלירְן פוּן קְלֵיידֶער אִיז נִישְׁט צְנִיעוּת׳דִיג?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק אוּן עֵצוֹת, אוּן סְפֶּעצִיעֶל פַאר דִי שֵׂכֶל װאס לִיגְט אִין דִי בְּרִיװ פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, דָאס אִיז מַמָּשׁ מַיין לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ גֶעװָאלְט פְרֶעגְן אַ שְׁאֵלָה אִין צְנִיעוּת װָאס אִיךְ בִּין קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעװֶוען קְלָאר אִין דֶעם. װָאס אִיז דִי מְקוֹר פוּן נִישְׁט גֵיין אָנְגֶעטוּן רוֹיט, אִיז עֶס אַן הֲלָכָה, אַ מִנְהָג? אוּן װָאס אִיז לְגַבֵּי קִינְדֶער אוּנְטֶער דְרֵיי יָאר, מֶעגְן זֵיי יָא גֵיין מִיט רוֹיט? אוּן װָאס אִיז מִיט אִינְגְלֶעךְ? אוּן װָאס אִיז מִיט אַלֶע קָאלִירְן װָאס זֶענֶען 'נִישְׁט מַמָּשׁ' רוֹיט װִי: רָאסְט, בּוּרְגֶענְדִי, מֶעראָן, הָאט פִּינְק, וְכַדוֹמֶה? אַסַאךְ מָאל אִיז דֶער קְלֵייד אַן אַנְדֶערֶע קָאלִיר נָאר מִיט אַ קְלֵיינֶע דֶעזַיין אָדֶער אַ לֵיין, אוּן אַזוֹי װַייטֶער, אִיז דָאס אַ פְּרָאבְּלֶעם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, ב׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵו, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיװ.

דֶער מְקוֹר פוּן נִישְׁט גֵיין אִין רוֹיט װֶערְט גֶע׳פַּסְקְ׳נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (יוֹרֶה דֵעָה, סִימָן קעח, סְעִיף א) אַז מֶען זָאל נִישְׁט גֵיין מִיט רוֹיטֶע קְלֵיידֶער אַלְץ (וַיִּקְרָא יח, ג): ״וּבְחֻקֹּתֵיהֶם לֹא תֵלֵכוּ״, מֶען זָאל נִישְׁט זַיין גְלַייךְ צוּ דִי אֻמּוֹת הָעוֹלָם. אוֹיךְ גֶעפוּנֶען מִיר (בְּרָכוֹת כ.) אַז רַב אַדָא בַּר אַהֲבָה הָאט גֶעזֶען אַ פְרוֹי אִין גַאס מִיט אַ רוֹיטֶע קְלֵייד הָאט עֶר עֶס אַרָאפְּגֶערִיסְן פוּן אִיר װַייל עֶס אִיז אַ פְּרִיצוּת פַאר אַ פְרוֹי צוּ גֵיין מִיט דֶעם, נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶעזֶען אַז דִי פְרוֹי אִיז נִישְׁט גֶעװֶוען אַ אִידִישֶׁע, נָאר אַ גוֹי׳שֶׁע פְרוֹי אוּן עֶר הָאט גֶעדַארְפְט בַּאצָאלְן גֶעלְט פַאר דִי פְרוֹי פַאר׳ן אִיר פַארְשֶׁעמֶען. זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי טָאר נִישְׁט גֵיין מִיט גוֹי׳שֶׁע קְלֵיידֶער.

אַנְדֶערֶע קָאלִירְן אִיז נִישְׁט קֵיין פְּרָאבְּלֶעם, אָבֶער מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל נִישְׁט זַיין שְׁרֵייעֶדִיג אוּן אוֹיפְפַאלְנְד.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט הָאבְּן אַ גֶעפִיל אִין צְנִיעוּת; אִיר זָאלְט זֶען דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל, אִיר זָאלְט װִיסְן אוֹיף יֶעדֶע קְלֵייד אוּן יֶעדֶע מַלְבּוּשׁ
~~~~~~~~~~

אוֹיבּ עֶס אִיז אֵיידֶל אוּן צִי אִיר זָאלְט גֵיין דֶערְמִיט, וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, קִינְדֶער צַדִיקִים. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה ח, ט): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים קכח, ג): "אֶשְׁתְּךָ כְּגֶפֶן פֹּרִיָּה בְּיַרְכְּתֵי בֵיתֶךָ בָּנֶיךָ כִּשְׁתִלֵי זֵיתִים סָבִיב לְשֻׁלְחָנֶךָ", דַיין וַוייבּ וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן קִינְדֶער אַזוֹי ווִי אַ וַויינְשְׁטָאק וָואס אִיז פוּל מִיט טְרוֹיבְּן - "בִּזְמַן שֶׁהִיא נוֹהֶגֶת בְּעַצְמָהּ דַּת יְהוּדִית, שֶׁהִיא צְנוּעָה", בִּזְכוּת וָואס זִי פִּירְט זִיךְ בִּצְנִיעוּת, "זוֹכָה שֶׁיּוֹצְאִין מִמֶּנָּה בָּנִים בַּעֲלֵי מִקְרָא, בַּעֲלֵי מִשְׁנָה, בַּעֲלֵי מַעֲשִׂים טוֹבִים", וֶועט זִי הָאבְּן קִינְדֶער וָואס וֶועלְן לֶערְנֶען מִקְרָא, מִשְׁנָה אוּן טוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, "הֲדָא הוּא דִכְתִיב: בָּנֶיךָ כִּשְׁתִילֵי זֵיתִים".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

## אִיז דָא אַ וֶועג אַרוֹיס פוּן מַיינֶע עֲבֵירוֹת?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט בָּרוּךְ ה', אָבֶּער אִיךְ לִיג טִיף אִין דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת, אִיךְ בִּין צוּגֶעבִּינְדֶען צוּם אִינְטֶערְנֶעט, דָארְט טְרֶעף אִיךְ זִיךְ מִיט אַלֶע שְׁלֶעכְטְס אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אִיךְ הָאבּ שַׁייכוּת מִיט פְרֶעמְדֶע פְרוֹיעֶן. אִיז דָא עֶפֶּעס אַ וֶועג אַרוֹיס פוּן דֶעם, הָאט אִיר עֶפֶּעס עֵצוֹת אוּן חִיזוּק אִין דֶעם עִנְיָן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ג' כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֵויי אוּן בִּיטֶער אִיז דִיר אַז דוּ הָאסְט שַׁייכוּת מִיט פְרֶעמְדֶע פְרוֹיעֶן, דוּ הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן דוּ בַּאהַאלְטְסְט זִיךְ מִיט עֲבֵירוֹת; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה כו, ה): "עַל הַכֹּל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַאֲרִיךְ אַפּוֹ", אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ טוּט וַוארְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, "חוּץ מִן הַזְּנוּת", אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ נִאוּף רַחֲמָנָא לִצְלָן דָארְט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נִישְׁט מַאֲרִיךְ אַף, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשְׁטְרָאפְט דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט אַ בִּיטֶערְן עוֹנֶשׁ.

זָאלְסְט נִישְׁט מֵיינֶען אַז מֶען קֶען זִיךְ בַּאהַאלְטְן מִיט עֲבֵירוֹת וְכוּ'; מֶען קֶען גֵיין מִיט פְרֶעמְדֶע פְרוֹיעֶן וְכוּ' רַחְמָנָא לִצְלָן - אוּן דָאס וֶועט בְּלַייבְּן אַ סוֹד, וַוייל דֶער פָּסוּק
~~~~~~~~~~

זָאגְט (אִיּוֹב כד, טו): "וְעֵין נֹאֵף שָׁמְרָה נֶשֶׁף לֵאמֹר לֹא תְשׁוּרֵנִי עָיִן", דִי בַּעֲלֵי עֲבֵירוֹת טְרַאכְטְן בַּיי זִיךְ: 'מִיר וֶועלְן וַוארְטְן עֶס זָאל וֶוערְן נַאכְט דֶעמָאלְט וֶועלְן מִיר טוּן עֲבֵירוֹת; מִיר וֶועלְן גֵיין אִין בַּאהַאלְטֶענֶע פְּלֶעצֶער אַז קֵיינֶער זָאל אוּנְז נִישְׁט זֶען', אַזוֹי מֵיינְט מֶען, זָאגְן אוֹיף דֶעם דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (בַּמִּדְבָּר רַבָּה ט, א): "הַנּוֹאֵף אוֹמֵר אֵין בְּרִיָּה יוֹדַעַת בִּי, לְפִי שֶׁכָּל מַעֲשָׂיו אֵינָן אֶלָּא בַּחֹשֶׁךְ", אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט טַאקֶע אַז עֶר קֶען זִיךְ בַּאהַאלְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער? "וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְפַרְסְמָן בָּעוֹלָם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְשֶׁעמְט אִים פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

מֵיין נִישְׁט אַז מֶען קֶען זִיךְ בַּאהַאלְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִם יִסָּתֵר אִישׁ בַּמִּסְתָּרִים וַאֲנִי לֹא אֶרְאֶנּוּ, נְאֻם ה'" (יִרְמְיָהוּ כג, כד), דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: וִוי קֶען זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ בַּאהַאלְטְן פוּן מִיר? "הֲלוֹא אֶת הַשָּׁמַיִם וְאֶת הָאָרֶץ אֲנִי מָלֵא, נְאֻם ה'", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ אִיבֶּעראַל!

הַאק אָפּ אַלֶע קְשָׁרִים וָואס דוּ הָאסְט מִיט עֲבֵירוֹת; אֲפִילוּ זֵיי שְׁרַייבְּן דִיר אוּן רוּפְן דִיר אָן זָאלְסְטוּ זֵיי נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן. טוּישׁ דַיין נוּמֶער אוּן פַארְמַאךְ אַלֶע דַיינֶע סָאוֹשֶׁעל מִידִיעֶ אַקַאוּנְטְס, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט הָאבְּן מֶער צוּ טוּן מִיט'ן שָׂטָן.

אַז דוּ וֶועסְט תְּשׁוּבָה טוּן וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר מוֹחֵל זַיין, אָבֶּער אַז דוּ וֶועסְט וַוייטֶער הָאבְּן שַׁייכוּת מִיט פְרֶעמְדֶע וְכוּ' הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ - וֶועסְטוּ אַלֶעס פַארְלִירְן. דוּ וֶועסְט פַארְשֶׁעמְט וֶוערְן בַּיי אַלֶע דַיינֶע חֲבֵרִים, דַיין מִשְׁפָּחָה וֶועט נִישְׁט וֶועלְן הָאבְּן מִיט דִיר, אָפְּגֶערֶעדְט דַיין וַוייבּ וֶועט גְלַייךְ נֶעמֶען אַ גֶט, אוּן דִי קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט וֶועלְן קוּקְן אוֹיף דִיר, דוּ וֶועסְט זִיךְ אַרוּם דְרֵייעֶן פַארְוָואגְלְט דַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

הָאבּ שֵׂכֶל פַאר דוּ וֶועסְט חֲרָטָה הָאבְּן אוּן עֶס וֶועט זַיין אַבִּיסְל שְׁפֶּעט.

...

~~~~~~~~~~

## מֶעג מֶען זִיךְ שֵׁיין מַאכְן בַּיי דִי שַׁבָּת לִיכְט?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וִויל פְרֶעגְן אוֹיבּ אַ פְרוֹי מֶעג זִיךְ שֵׁיין מַאכְן אוּן זִיךְ שְׁמִירְן דָאס פָּנִים עֶרֶב שַׁבָּת, אוּן אַזוֹי צִינְדְן דִי שַׁבָּת לִיכְט? אָדֶער אִיז עֶס אַ בִּזָּיוֹן פַאר דִי שַׁבָּת לִיכְט אַז מֶען שְׁטֵייט אַזוֹי פַאר דִי לִיכְט?

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

### תְּשׁוּבָה:
~~~~~~~~~~

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ג' כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם זִיךְ שֵׁיין צוּ מַאכְן לְכָבוֹד שַׁבָּת; אַדְּרַבָּה, עֶס אִיז אַ מִנְהָג בַּיי אַסַאךְ מְקוֹמוֹת זִיךְ אָנְצוּטוּן סְפֶּעצִיעֶלֶע מַלְבּוּשִׁים בִּשְׁעַת מֶען צִינְדְט דִי לִיכְט. עֶס זֶענֶען דָא וָואס זֶענֶען מַקְפִּיד אָנְצוּטוּן אַ טִיכְל מִיט אַ שִׁירְצְל וָוען מֶען גֵייט צִינְדְן דִי שַׁבָּת לִיכְט. מוֹהַרְאָ"ש בְּרֶענְגְט בְּשֵׁם דֶעם הֵיילִיגְן מִנְחַת אֶלְעָזָר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַ רֶמֶז אוֹיף דֶעם, "נֵר" אִיז בְּגִמַטְרִיָא "צָעִיף" (לִיכְט בַּאטְרֶעפְט אַזוֹי וִוי טִיכְל), אוּן צָעִי"ף אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: עַ'מְּךָ יִ'שְׂרָאֵל צְ'רִיכִים פַּ'רְנָסָה, אִידִישֶׁע קִינְדֶער דַארְפְן פַּרְנָסָה. אִיז דָא וָואס בִּשְׁעַת מֶען צִינְדְט דִי שַׁבָּת לִיכְט טוּעֶן זֵיי אָן אַ טִיכְל כְּדַאי מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין פַּרְנָסָה פַאר דִי גַאנְצֶע וָואךְ (עַיֵּין דִּבְרֵי תּוֹרָה חֵלֶק ו', סִימָן סח).

נָאךְ בְּרֶענְגְט מוֹהַרְאָ"ש אַז בִּשְׁעַת הַדְלָקַת הַנֵּרוֹת אִיז אַ צַייט וָואס מֶען קֶען פּוֹעֵל'ן קִינְדֶער; אִיז דָא וָואס טוּעֶן אָן אַ שִׁירְצְל (סִינָר) וָואס קוּמְט מְרַמֵּז זַיין וָואס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָהוּ נו, ג): "וְאַל יֹאמַר הַסָּרִיס, הֵן אֲנִי עֵץ יָבֵשׁ", אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט זָאגְן: "אִיךְ בִּין אַ טְרִיקֶענֶע בּוֹים וָואס קֶען נִישְׁט בְּרֶענְגֶען קַיין קִינְדֶער", דֶערְפַאר טוּט מֶען זִיךְ אָן דִי שִׁירְצְל (סִינָר) וָואס אִיז דִי סוֹפֵי תֵּיבוֹת: "וְאַל יֹאמַ'ר הַסָּרִי'ס הֵ'ן אֲנִ'י עֵ'ץ יָבֵשׁ", צוּ וַוייזְן אַז אֲפִילוּ דִי דָאקְטוֹרִים זָאגְן אַז מֶען קֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין קִינְדֶער, אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ וִוי יֵאוּשׁ; בִּשְׁעַת לִיכְט צִינְדְן קֶען מֶען פּוֹעֵל'ן קִינְדֶער.

וָוען מֶען צִינְדְט דִי שַׁבָּת לִיכְט אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע צַייט; עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן צַדִּיקִים אַז בִּשְׁעַת דִי לִיכְט בְּרֶענֶען קֶען דֶער שָׂטָן נִישְׁט מְקַטְרֵג זַיין אוּן דִי מַזִּיקִים הָאבְּן נִישְׁט קַיין שְׁלִיטָה. (עַיֵּין בַּעַל הַטּוּרִים פַּרְשַׁת תְּרוּמָה עַל הַפָּסוּק "וְעָשִׂיתָ מְנֹרַת זָהָב טָהוֹר", שְׁמוֹת כה, לא): "בִּמְקוֹם נֵר אֵין שָׂטָן וְאֵין מַזִּיק, וּבִזְכוּת נֵר מִצְוָה וְתוֹרָה אוֹר סוֹתֵם פִּיו שֶׁל שָׂטָן מִלְּהַסְטִין"; עֶס אִיז אַן עֵת רָצוֹן צוּ פּוֹעֵל'ן יְשׁוּעוֹת בִּכְלַל, בִּפְרַט קֶען מֶען דֶעמָאלְט פּוֹעֵל'ן יְשׁוּעוֹת פַאר קִינְדֶער.

וָוען פְּרוּוֶוען וָואלְטְן וָוען גֶעוִויסְט וִוי חָשׁוּב זֵייעֶרֶע תְּפִילוֹת זֶענֶען בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּפְרַט דִי תְּפִילוֹת וָואס מֶען בֶּעט וָוען מֶען צִינְדְט אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט וָואלְטְן זֵיי מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זִיךְ, פַאר'ן מַאן אוּן בְּעִיקָּר פַאר דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן. עֶס אִיז נִישְׁט קַיין בִּזָּיוֹן פַאר דִי לִיכְט אַז מֶען מַאכְט זִיךְ שֵׁיין לְכָבוֹד שַׁבָּת.

רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעבֶּעטְן זַיין וַוייבּ אוּן טֶעכְטֶער, אַז וָוען זֵיי צִינְדְן אָן

דִי שַׁבָּת לִיכְט זָאלְן זֵיי בֶּעטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַזוֹי וִוי אִיךְ צִינְד אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט אוּן אִיךְ מַאךְ לִיכְטִיג דָא אִין שְׁטוּב, זָאלְסְטוּ לִיכְטִיג מַאכְן פַאר אַלֶע אִידְן, זָאלְסְט אַרַיין שַׁיינֶען אִין אַלֶע אִידְן דִי לִיכְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן"; אַזוֹי דַארְפְן אַלֶע פְּרוּוִוען בֶּעטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, טַאטֶע זִיסֶער! גֶעבּ מִיר אַ שֵׁיינֶע שַׁבָּת, אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אַ לֶעבְּן מִיט שָׁלוֹם, אַ לֶעבְּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט; אִיךְ זָאל זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען מִיט מַיין מַאן אוּן אִיךְ זָאל אִים שֶׁעצְן. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶער אוֹיס מַיין גֶעבֶּעט, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער וָואס וֶועלְן דִיר דִינֶען מִיט לִיבְּשַׁאפְט. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אַזוֹי וִוי אִיךְ מַאךְ לִיכְטִיג דִי שְׁטוּבּ אִיךְ צִינְד יֶעצְט אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט, מַאךְ אוּנְז לִיכְטִיג אוּנְזֶער לֶעבְּן אוּן מַאךְ לִיכְטִיג פַאר אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער; אַלֶע זָאלְן ווִיסְן פוּן דִיר, אַלֶע זָאלְן ווִיסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע אַייעֶרֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~

## וִוי אַזוֹי לֶערְנְט מֶען אוֹיס קִינְדֶער זִיךְ צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ אוֹיף דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים, וָואס זֶענֶען אוּנְז שְׁטֶענְדִיג מְחַזֵּק.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט כְּסֵדֶר אַז מֶען דַארְף אָנְזָאגְן דִי קִינְדֶער זִיךְ צוּ הִיטְן דִי הֶענְט, נִישְׁט צוּרִירְן וואוּ מֶען טָאר נִישְׁט. ווִיל אִיךְ ווִיסְן אוֹיבּ מֶען דַארְף זֵיי אוֹיךְ זָאגְן דָאס וָואס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ אַז חֲסִידִים הָרִאשׁוֹנִים הָאבְּן זִיךְ אוֹיךְ גֶעהִיטְן דִי אוֹיגְן אוּן נִישְׁט גֶעקוּקְט דָארְט וואוּ מֶען טָאר נִישְׁט, אָדֶער אִיז דָאס נָאר פַאר בַּעֲלֵי מַדְרֵיגָה?

בִּכְלָל ווִיל אִיךְ ווִיסְן אוֹיבּ עֶרְוַואקְסֶענֶע מֶענְטְשְׁן דַארְפְן זִיךְ אוֹיךְ אַזוֹי פִירְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ג' כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַוַדַאי זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ פִירְן וִוי דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים, זִיךְ צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן; וֶועלְן זֵיי אוֹיךְ אוֹיסְוַואקְסְן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים. מִיר גֶעפִינֶען, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קיח:) מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי, "פַארְוָואס הָאסְטוּ זוֹכֶה גֶעוֶוען מֶען זָאל דִיר רוּפְן רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט, "מִיָּמַי לֹא נִסְתַּכַּלְתִּי בַּמִּילָה
~~~~~~~~~~

שֶׁלִּי", אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעהִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף דִי מָקוֹם הַמִּילָה, דֶערִיבֶּער רוּפְט מֶען מִיר מִיט דֶעם טִיטְל רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען הִיט זִיךְ דִי אוֹיגְן אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ וֶוערְן הֵיילִיג.

בִּפְרַט וֶוען דוּ נֶעמְסְט דַיינֶע קִינְדֶער אִין מִקְוֶה זָאלְסְטוּ זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען מִידַת הַצְּנִיעוּת. זֵיי זָאלְן זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן, זֵיי זָאלְן שְׁטֵיין אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּם וַואנְט בִּצְנִיעוּת. וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט בְּפֵירוּשׁ אַז מֶען טָאר נִישְׁט קוּקְן, דָאס אִיז נִישְׁט קַיין מִידוֹת חֲסִידוּת, דָאס אִיז אַן אִיסוּר. אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפִונֶען (זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ פָּרָשַׁת בְּשַׁלַּח, דַף סו:): "אָסוּר לְאִסְתַּכְּלָא בַּקֶּשֶׁת", מֶען טָאר נִישְׁט קוּקְן אוֹיפְ'ן אוֹת הַבְּרִית; נָאךְ זָאגְט דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (פָּרָשַׁת קְדוֹשִׁים פד:): "אָסִיר לֵיהּ לְבַר נָשׁ לְאִסְתַּכְּלָא בְּאָת קַיָּימָא דִילֵיהּ", עֶס אִיז אָסוּר פַארְ'ן מֶענְטְשׁ צוּ קוּקְן אוֹיפְ'ן אוֹת הַבְּרִית; זָאלְסְטוּ צוּגֶעוואוֹינֶען דַיינֶע קִינְדֶער פוּן קְלֵיינְוַוייז אָן זֵיי זָאלְן זַיין הֵיילִיג אוּן רֵיין.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס הִיט זַיינֶע קִינְדֶער פוּן יוּנְגְוַוייז אָן, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער צַדִיקִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

## וָואס טוּ אִיךְ אַז קֵיינֶער טְרָאגְט נִישְׁט אָן קַיין שִׁידוּכִים?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אָבֶּער אִיךְ לֶערְן בַּיי אַייךְ אִין יְשִׁיבָה, אִיךְ לֶערְן אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד, אוּן אִיךְ פְּרוּבִּיר זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. אִיךְ הָאבּ גֶעקוֹיפְט דֶעם נַייעֶם סֵפֶר "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה" אוּן וֶוען אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ צוּבְּרָאכְן עֶפְן אִיךְ דֶעם סֵפֶר אוּן אִיךְ זָאג דִי וֶוערְטֶער, אוּן בַּאקוּם דָארְט אַסַאךְ חִיזוּק.

אִיךְ וויל הָאבְּן אַ סֵדֶר הַיּוֹם וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן טָאג טֶעגְלִיךְ. אִיךְ בִּין שׁוֹין קָרוֹב צוּ דִי צְוָואנְצִיג יָאר, אָבֶּער אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ וִוי אַ יוּנְגֶער בָּחוּר, קֵיינֶער טְרָאגְט נִישְׁט אָן קַיין שִׁידוּכִים, אוּן אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם. אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַסַאךְ אוֹיף אַ שִׁידוּךְ, אָבֶּער דֶערְוַוייל זֶעט נִישְׁט אוֹיס אַז עֶפֶּעס זָאל אָנְקוּמֶען.

אוֹיךְ טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא דָא קַיין חֲבוּרַת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, אַז בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט זָאלְן זִיךְ קֶענֶען מְחַזֵק זַיין אִינְאֵיינֶעם. אַזוֹיפִיל בָּחוּרִים וַוארְטְן אוֹיף דֶעם זִיךְ צוּ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי דִיבּוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

אַ גְרוֹיסְן יְיִשַׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.
~~~~~~~~~~~

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ד׳ כִּסְלֵו, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת; זַיי נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם וָואס מֶען טְרָאגְט דִיר נִישְׁט אָן קַיין שִׁידוּכִים, עֶס זֶעט דִיר אוֹיס וִוי דוּ וֶועסְט בְּלַייבְּן אַלֵיינְס חַס וְשָׁלוֹם; גְלֵייבּ אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס אִיז דָא פַאר דִיר אַ שִׁידוּךְ.**

**אִיךְ וֵויס אַז עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג פַאר דִיר, עֶס זָאגְט זִיךְ גְרִינְג: ״שְׁטַארְק זִיךְ״, אָבֶּער וִוי אַזוֹי שְׁטַארְקְט מֶען זִיךְ וֶוען מֶען אִיז צֶעבְּרָאכְן אוֹיף שִׁבְרֵי שְׁבָרִים, מֶען שְׁפִּירְט וִוי קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט מִיר נִישְׁט? וַוייל קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דִי צַעַר וָואס אַ בָּחוּר גֵייט אַרִיבֶּער. עֶס אִיז נִישְׁט דָא נָאךְ אַזַא צַעַר אוֹיף דִי וֶועלְט וִוי דִי צַעַר פוּן אַ בָּחוּר, וַוייל מֶען הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפּ פַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית, דָאס מַאכְט נָאכְדֶעם זֵייעֶר בְּעַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, אוּן וִויפִיל מֶען ווִיל אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן דֶעם הַאלְט מֶען אִין אֵיין צוּרִיק פַאלְן; דָאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע כֹּחוֹת. נֶעם דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי׳ן, דִי עֵצָה וָואס מָשִׁיחַ וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט, דִי עֵצָה פוּן ״הִתְבּוֹדְדוּת״. זוּךְ דִיר אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן גִיס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. זָאג פַאר׳ן בַּאשֶׁעפֶּער: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם טַאטֶע זִיסֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שׁוֹין טְרֶעפְן מַיין שִׁידוּךְ; עֶס אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ זַיין אַ בָּחוּר אֵיינֶער אַלֵיינְס. דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְט אִין מִיר אוּן וַוארְפְט מִיר אַרָאפּ יֶעדְן טָאג נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, עֶר וַוארְפְט מִיר אַרָאפּ אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, אִיךְ הַאלְט עֶס נִישְׁט אוֹיס, אִיךְ ווִיל נִישְׁט טוּן דִי אַלֶע עֲבֵירוֹת אָבֶּער אִיךְ בִּין אַזוֹי וִוי אַ גֶעבִּינְדֶענֶער מֶענְטְשׁ אָן קַיין בְּחִירָה.**

**טַאטֶע זִיסֶער, טַאטֶע גֶעטְרֵייעֶר! הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שׁוֹין טְרֶעפְן מַיין שִׁידוּךְ אוּן אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן אוּן לֶעבְּן בִּקְדוּשָׁה, בִּזְכוּת אַלֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דִיר״.**

**כַאפּ זִיךְ אַרִיבֶּער קַיין יַבְנְאֵל צוּם צִיּוּן פוּן מוֹהֲרַ״ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. מוֹהֲרַ״ש הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען מִיט אַ שְׁטַארְקֶע הַבְטָחָה** (צַוָואַת מוֹהֲרַ״שׁ, אוֹת ה) **: ״אִיךְ זָאג צוּ אַז יֶעדֶער בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל וָואס דַארְף אַ שִׁידוּךְ אוּן זֵיי וֶועלְן קוּמֶען דָא אוֹיף מַיין קֶבֶר אוּן דוּרְכְזָאגְן גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים פוּן אָנְפַאנְג בִּיזְן סוֹף פַאר מַיין זְכוּת, וֶועל אִיךְ טוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ קֶען, אַז זֵיי זָאלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ. אוּן דָאס זָאג אִיךְ צוּ מִיט אַ שְׁטַארְקֶע**

**צוּזָאג״.**

מֶען זֶעט אָפֶּענֶע נִיסִים און יְשׁוּעוֹת בַּיים צִיּוּן פוּן מוֹהֲרָא״ש ; בָּחוּרִים און מֵיידְלֶעךְ קוּמֶען צוּ פָּארְן אַהִין פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אוֹיסְזָאגְן תְּהִלִים און טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט בְּקָרוֹב טְרֶעפְן דַיין זִיווּג.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**סְגוּלוֹת וָואס זָאל הֶעלְפְן פַאר דִי וַוייבּ.**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ״ח חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אוֹיף דַיין פְרַאגֶע וָואס מֶען קֶען טוּן אַז עֶס קוּמְט אָן זֵייעֶר נָאנְט דִי צַייט פוּן דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳ וְכוּ׳.

נֶעם דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן, קוּק אִין סֵפֶר הַמִּדּוֹת (אוֹת נִדָּה, סִימָן א) וואוּ דֶער רֶבִּי זָאגְט: ״אִשָּׁה שֶׁהִיא מְרֻבָּה בְּדָמִים״, אַ פְרוֹי וָואס הָאט אַסַאךְ דָמִים, גֶעבְּט דֶער רֶבִּי אַסַאךְ עֵצוֹת.

אֵיינֶע פוּן דִי עֵצוֹת - זָאגְט דֶער רֶבִּי - ״גַּם בַּעְלָהּ יִלְמַד מַסֶּכֶת נִדָּה״, אִיר מַאן זָאל לֶערְנֶען מַסֶכֶת נִדָּה.

יֶעצְט הַאלְטְן מִיר אִינְמִיטְן מַסֶכֶת נִדָּה, זָאלְסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט כְּסִדְרָן, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר הֶעלְפְן זִי וֶועט צוּרִיק בַּאקוּמֶען אִיר סֵדֶר וְכוּ׳, זִי וֶועט הָאבְּן דֶעם סֵדֶר הָעוֹלָם וְכוּ׳.

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן שְׁטַארְק דַיין וַוייבּ.

אִיר זֶענְט בַּיי מִיר זֵייעֶר בַּאלִיבְּט.

...

~~~~~~~~~~~

**קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס הֵייסְט מְחַיֶ׳ זַיין אַ אִיד.**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ״ט חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער טָאכְטֶער ... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.
~~~~~~~~~~~

בְּנוֹגֵעַ זָאגְן קָרְבָּנוֹת הַנְּשִׂיאִים וְכוּ׳; דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זָאגְן תְּהִלִים, וְועֶן דוּ הָאסְט אִיבֶּעריגֶע צַייט זָאלְסְטוּ זָאגְן אַבִּיסְל תְּהִלִים. דוּ דַארְפְסְט נָאךְ נִישְׁט זָאגְן "מְצִיאוּת הַזִּיווּג", יֶעצְט זָאלְסְטוּ זָאגְן תְּהִלִים. פְּרוּבִּיר צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם גַאנְצְן יוֹם תְּהִלִים אַזוֹי וְועסְטוּ עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ דֶעם גַאנְצְן סֵפֶר תְּהִלִים, אוּן אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם גַאנְצְן יוֹם תְּהִלִים זָאלְסְטוּ זָאגְן אִין אַ סֵדֶר וִויפִיל דוּ קֶענְסְט.

אַז דוּ זֶעסְט אַ מֵיידְל אִיז שְׁטִיל, זִי רֶעדְט נִישְׁט מִיט אַנְדֶערֶע אוּן זִי הָאט נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם - זָאלְסְטוּ זַיין אִיר חַבֵר׳טֶע, זָאלְסְט רֶעדְן מִיט אִיר, שְׁפַּאצִירְן מִיט אִיר אוּן גֵיין מִיט אִיר. זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג זוּכְן וְועם דוּ קֶענְסְט אוֹיפְלֶעבְּן, גֶעבְּן אַ שְׁמֵייכְל פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס הֵייסְט מְחַיֶ׳ זַיין אַ אִיד; דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן מג): "וּלְהַחֲיוֹת אָדָם אֵינוֹ דָּבָר רֵק, כִּי הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד", מְחַיֶ׳ זַיין אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט קֵיין קְלֵיינִיגְקֵייט, עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כב.): אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא הָאט אַמָאל בַּאגֶעגְנְט רַב בְּרוֹקָא אוֹיפְ׳ן גַאס אוּן עֶר הָאט אִים גֶעווִיזְן אוֹיף צְוֵויי מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי זֶענֶען בְּנֵי עוֹלָם הַבָּא, וַוייל זֵיי גֵייעֶן אַרוּם פְרֵיילִיךְ מַאכְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זֵיי שְׁמֵייכְלֶען צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם. אוּן וְוען זֵיי זֶעעֶן וִוי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן קְרִיגְן זִיךְ מַאכְן זֵיי דָארְט פְרֵיילִיךְ בִּיז מֶען בֶּעט זִיךְ אִיבֶּער.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט הֶעלְפְן רֵיינִיגְן דִי סְקוּל; דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּי׳ן, בִּפְרַט מִיטְ׳ן רֵיינִיגְן דִי סְקוּל, אַן אַרְבֶּעט וָואס קֵיינֶער וִויל נִישְׁט טוּן. בֶּעט אִיךְ דִיר זָאלְסְט מִיר הֶעלְפְן מִיטְ׳ן רֵיינִיגְן דִי סְקוּל אוּן זָאלְסְט אִיבֶּער גֶעבְּן פַאר דִי אַנְדֶערֶע מֵיידְלֶעךְ וָואס הֶעלְפְן רֵיינִיגְן אַז זֵיי טוּעֶן זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט. אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק נִישְׁט הָאבְּן קֵיין גוֹיִם אִין סְקוּל, אוּן דֶער לֶענְדְלָארְד שְׁרֵייט אַז אוֹיבּ עֶס וֶועט נִישְׁט זַיין רֵיין וֶועלְן מִיר מוּזְן נֶעמֶען אַ גוֹי טָמֵא זָאל זִיךְ דְרֵייעֶן צְווִישְׁן דִי מֵיידְלֶעךְ.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ׳ן הֶעלְפְן מַאמִי; מַאמִי זָאגְט מִיר אַלְץ אַז דוּ הֶעלְפְסְט אִיר וִוי אַ מַלְאָךְ פוּן הִימְל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

**פְּרוֹיעֶן צוּזַאמְקוּם אִיבֶּעְרָאל וואו עֶס וואוֹינֶען אִידְן.**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ״ט חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין אַ מְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים; אַייעֶר זְכוּת אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס מִיט דֶעם וָואס אִיר גֶעבְּט זִיךְ אָפּ יֶעדֶע חוֹדֶשׁ צוּ מַאכְן דִי פְּרוֹיעֶן צוּזַאמְקוּם בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּבּ, מִיט דֶעם מַאכְט אִיר לִיכְטִיג פַּאר אַזוֹיפִיל שְׁטוּבֶּער. דִי פְּרוֹיעֶן קוּמֶען אַהֵיים פוּנֶעם צוּזַאמְקוּם מִיט פְרִישֶׁע כֹּחוֹת הַנֶּפֶשׁ אָנְצוּגֵיין מִיט דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט, זַיין אַ גוּטֶע וַוייבּ אוּן אַ רוּאִיגֶע מַאמֶע פַאר דִי קִינְדֶער. דָאס אַלֶעס גֵייט אוֹיף אַייעֶר זְכוּת מִיט דֶעם וָואס אִיר שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן חוֹדֶשׁ׳לִיךְ צוּ מַאכְן דִי פְּרוֹיעֶן צוּזַאמְקוּם.

מִיר הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן פַאר אַפָּאר יָאר צוּרִיק צוּ מַאכְן אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג חוֹדֶשׁ׳לִיךְ אַ פְּרוֹיעֶן צוּזַאמְקוּם; וֶוער הָאט עֶס גֶעגְלֵייבְּט אַז הַיינְט אִיז שׁוֹין דָא אִיבֶּער צֶען פְּלֶעצֶער אִין דִי וֶועלְט וואו פְּרוֹיעֶן קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם חוֹדֶשׁ׳לִיךְ. נֶעכְטְן אִיז גֶעוֶוען אִין ווִילִיאַמְסְבּוּרְג, מָאנְרָא, מָאנְסִי, לִיבֶּערְטִי, דְזְשֶׁערְזִי סִיטִי, יְרוּשָׁלַיִם, בֵּית שֶׁמֶשׁ, צְפַת, בֵּיתָר, אוּן אוֹיךְ אִין עֶנְגְלַאנְד אִין קֶענְוִוי אֵיילֶענְד. אוּן דָאס אִיז נָאךְ גָארְנִישְׁט, עֶס וֶועט נָאךְ זַיין אַז אִין יֶעדֶע פְּלַאץ וואו אִידְן וואוֹינֶען וֶועט זַיין אַ חוֹדֶשׁ׳לִיכֶע צוּזַאמְקוּם פַאר פְּרוֹיעֶן.

בְּנוֹגֵעַ דִי פְּרוֹי וָואס רֶעדְט צוּ אַייךְ פְּרִיוַואטֶע זַאכְן וְכוּ׳; אִיר קֶענְט אִיר שֵׁיינֶערְהֵייט עֶנְטְפֶערְן: ״דִי זַאכְן רֶעד אִיךְ נָאר מִיט מַיין מַאן אוּן מִיט מַיין מוֹרֶה דֶרֶךְ וְכוּ׳״, אוֹיבּ זִי רוּפְט אַייךְ אָן אוֹיפְהֶער אוּן אִיר הָאט נִישְׁט וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן וְכוּ׳, זָאלְט אִיר אִיר שֵׁיינֶערְהֵייט זָאגְן: ״אִיךְ וֵוייס נִישְׁט צוּפִיל זַאכְן, אִיךְ קֶען אַייךְ גֶעבְּן נוּמֶערְן פוּן אַנְדֶערֶע וָואס וֶועלְן אַייךְ קֶענֶען הֶעלְפְן וְכוּ׳״. עֶס קֶען זַיין אַז דִי פְּרוֹי הָאט זִיךְ יֶעצְט דֶערְווִוּסְט פוּן רֶבִּינְ׳ס וֶועג, זִי אִיז אִיבֶּערְגֶענוּמֶען מִיט פְרֵייד זִיךְ צוּ בַּאקֶענֶען מִיט בְּרֶסְלֶב׳עֶ פְּרוֹיעֶן אוּן זִי שְׁפִּירְט וִוי זִי וֶועט קֶענֶען בַּאקוּמֶען אַן עֵצָה אוֹיף וָואס זִי לַיידְט וְכוּ׳, זִי ווִיל רֶעדְן מִיט אֵיינֶעם זַאכְן וָואס לִיגְט אִיר אוֹיפְ׳ן הַארְץ שׁוֹין פַאר לַאנְגֶע יָארְן, דֶערִיבֶּער רוּפְט זִי אַייךְ אָן אַ שִׁיעוּר מָאל. אוֹיבּ אִיר ווִילְט נִישְׁט רֶעדְן מִיט אִיר, אָדֶער אִיר הָאט נִישְׁט וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן וְכוּ׳ זָאלְט אִיר אִיר שֵׁיינֶערְהֵייט זָאגְן: ״אִיךְ וֵוייס נִישְׁט צוּפִיל פוּן בְּרֶסְלֶב, אִיךְ קֶען אַייךְ גֶעבְּן נוּמֶערְן מִיט וֶועם צוּ רֶעדְן אִיר זָאלְט קֶענֶען פְרֶעגְן אַלֶע אַייעֶרֶע פְרַאגֶעס״.

מוֹהַרְאָ"שׁ זָאגְט (אֶרֶךְ אַפַּיִם, פֶּרֶק סַבְלָנוּת לְקָרֵב רְחוֹקִים): "וֶוען אֵיינֶער קוּמְט צוּ דִיר אוּן בֶּעט חִיזוּק אוּן דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין דִיבּוּרִים פַאר יֶענֶעם, זָאלְסְטוּ אִים שִׁיקְן צוּ אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס וֶועט יֶענֶעם קֶענֶען מְחַזֵק זַיין אוּן הֶעלְפְן. נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם יֶענֶעם אַוֶועק שִׁיקְן אָן רֶעדְן מִיט יֶענֶעם, אָדֶער אָן גֶעבְן פַאר יֶענֶעם אַן אַדְרֶעסְס וואוּ יֶענֶער וֶועט קֶענֶען רֶעדְן מִיט אֵיינֶעם וָואס וֶועט אִים מְחַזֵק זַיין".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְן כֹּחַ אִיר זָאלְט וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט דִי פְּרוֹיעֶן צוּזַאמְקוּם יֶעדֶע חוֹדֶשׁ בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּב; מֶען וֶועט מְפַרְסֵם זַיין אוֹיף דִי פְּרוֹיעֶן הַאטְלֵיין יֶעדֶעס מָאל וֶוען עֶס אִיז דָא אַ צוּזַאמְקוּם, אַזוֹי וֶועלְן אַלֶע פְּרוֹיעֶן וִויסְן וואוּ צוּ קוּמֶען נֶעמֶען אַבִּיסְל פְּרִישֶׁע לוּפְט.

...

~~~~~~~~~~~

**מֶען דַארְף מַאכְן נָאךְ סִידִי"ס פוּן נִגּוּנֵי אֱמוּנָה.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ט חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

דִי מֵפִיצִים זָאגְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא מֶער קַיין סִידִי"ס פוּן נִגּוּנֵי אֱמוּנָה, נִגּוּנֵי תְּשׁוּבָה, דְּרָשׁוֹת וְכוּ', עֶס אִיז מַמָּשׁ אַ שָׁאד מֶען זָאל נִישְׁט מַאכְן נָאךְ סִידִי"ס פַאר "הַפָּצָה".

דִי סִידִי"ס זֶענֶען מְחַיֶּ' אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן אֲפִילוּ דִי אַלֶע וָואס נֶעמֶען נִישְׁט דִי קוּנְטְרֵסִים אוּן סְפָרִים וְכוּ', וֶועלְן יָא נֶעמֶען סִידִי"ס, וַוייל אַ סִידִי פוּן נִיגוּנִים דַארְפְן אַלֶע.

בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, נֶעם אַפָּאר בָּחוּרִים זָאלְן זִיךְ אַיינְטֵיילְן דוּרְכְ'ן טָאג צוּ מַאכְן קַאפִּיס פוּן סִידִי"ס אַז דִי מֵפִיצִים זָאלְן שְׁטֶענְדִיג הָאבְן מִיט וָואס צוּ גֵיין הַפָּצָה.

שְׁטַארְק זִיךְ וַוייטֶער מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, נִישְׁט יֶעדֶער אִיז זוֹכֶה צוּ הָאבְן אַזַא זְכוּת, עוֹסֵק צוּ זַיין אִין דְרוּקְן סְפָרִים וָואס פַארְשְׁפְּרֵייטְן אֱמוּנָה, מְגַלְגְלִין זְכוּת עַל יְדֵי זַכַּאי.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

~~~~~~~~~~~

### סְגוּלָה קֶעגְן "עַיִן הָרָע".

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ט חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

מַזָּל טוֹב פַאר דַיין נַיי גֶעבּוֹירֶענֶע מֵיידֶעלֶע ! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זִי זָאל אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶע צַדֵיקֶת, זִי זָאל אַרַיין רָאטְן אִין דֶעם נָאמֶען וָואס זִי הָאט ; "פֵיגָא", נָאכְ'ן רֶבִּינְ'ס מַאמֶע. אוּן עֶס זָאל זִיךְ צִיעֶן הֵיילִיגֶע דוֹרוֹת פוּן אִיר.

מוֹהֲרַא"שׁ שְׁרַייבְּט אַ סְגוּלָה קֶעגְן "עַיִן הָרָע", אַז מֶען זָאל אוֹיסְגִיסְן זַאלְץ בַּיים אַרַיינְגַאנְג פוּן שְׁטוּבּ ; דָאס נֶעמְט אַוֶועק דִי עַיִן הָרָע פוּן אַלֶע מֶענְטְשְׁן אִין שְׁטוּבּ.

זָאג פַאר דַיין מַאן נֵרוֹ יָאִיר, עֶר זָאל אוֹיסְגִיסְן זַאלְץ אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטוּבּ, סֵיי בַּיי עֶנְק אִין שְׁטוּבּ אוּן סֵיי בַּיי דַיין מַאמֶע'ס שְׁטוּבּ, דָארְט וואוּ דוּ רוּסְט זִיךְ אָפּ וְכוּ', וֶועסְטוּ נִיצוֹל וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

דַאנְק אוּן לוֹיבּ אָן אוֹיפְהֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי נִיסִים וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט קוּמֶען צוּ דַיינֶע כֹּחוֹת אוּן הָאבְּן כֹּחַ וַוייטֶער צוּ הֶעלְפְן אִין סְקוּל בֵּית פֵיגָא אוּן מִיט הַפָּצָה.

...

~~~~~~~~~~

### דַיין זְכוּת אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס מִיטְן הֶעלְפְן דְרוּקְן דֶעם עֶרְשְׁטְן חֵלֶק "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה".

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.

דַיין זְכוּת אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס מִיטְ'ן הֶעלְפְן דְרוּקְן דֶעם עֶרְשְׁטְן חֵלֶק "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע, זָאלְסְט וַוייטֶער הָאבְּן דִי זְכוּת צוּ הֶעלְפְן דְרוּקְן אַלֶע אַנְדֶערֶע חֲלָקִים.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

~~~~~~~~~~

**פַאר עֶלְטֶערְן דֶערְצֵיילְט מֶען נָאר גוּטְס.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, ב׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵו, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד דִי חָשׁוּב׳עֶ טֵייעֶרֶע כַּלָּה ... תִּחְיֶ׳.

מַזָל טוֹב פַאר אַייעֶר שִׁידוּךְ ! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּב מִיט אַהֲבָה, אַחְוָה, שָׁלוֹם וְרֵעוּת. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רוּעֶן צְוִוישְׁן אַייךְ.

בְּנוֹגֵעַ אוֹיבּ חָתָן כַּלָּה זָאלְן רֶעדְן צְוִוישְׁן זִיךְ ; מוֹהֲרָא״שׁ הָאט גֶעהַאלְטְן אַז חָתָן כַּלָּה קֶענֶען רֶעדְן אוֹיפְ׳ן טֶעלֶעפָאן צְוִוישְׁן זִיךְ, אוּן אַז דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען נִישְׁט מַסְכִּים דַארְףְ מֶען דָאס מַאכְן מִיט חָכְמָה וד״ל.

מוֹהֲרָא״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט זָאגְן דָאס פָאלְגֶענְדֶע פַאר אַלֶע חֲתָנִים אוּן כַּלוֹת. דִי תּוֹרָה זָאגְט (בְּרֵאשִׁית ב, כד) : ״עַל כֵּן יַעֲזָב אִישׁ אֶת אָבִיו וְאֶת אִמּוֹ וְדָבַק בְּאִשְׁתּוֹ״, לִכְאוֹרָה אִיז שְׁוֶוער, וִוי קֶען מֶען זָאגְן פַאר חָתָן כַּלָּה זֵיי זָאלְן אָפְּלָאזְן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן וֶוען דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה אִיז כִּיבּוּד אָב וָאֵם ? ! חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה רוּפְן אָן דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם (יְרוּשַׁלְמִי פֵּאָה א, א) : ״חֲמוּרָה שֶׁבַּחֲמוּרוֹת״, וָואס אִיז פְּשַׁט אַז מֶען זָאגְט פַאר חָתָן כַּלָּה : ״לָאזְט אָפּ אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן ?״ נָאר דָאס מֵיינְט מֶען צוּ זָאגְן מֶען זָאל נִישְׁט אַרַיין מִישְׁן דִי עֶלְטֶערְן אִינֶעם לֶעבְּן.

אַ פָּאר-פָאלְק דַארְףְ וִויסְן : ״עַל כֵּן יַעֲזָב אִישׁ אֶת אָבִיו וְאֶת אִמּוֹ״ - מִישְׁט נִישְׁט אַרַיין אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אִין עֶנְקֶער לֶעבְּן אוּן קֵיינְמָאל זִיךְ נִישְׁט אָפְּרֶעדְן פַאר זֵיי. אֱמֶת, זַאכְן דַארְפְן זִיךְ מְסַדֵר זַיין וְכוּ׳, אָבֶּער מִישְׁט נִישְׁט אַרַיין דִי עֶלְטֶערְן אוּן קְרֶעכְצְט נִישְׁט צוּ זֵיי, פַאר עֶלְטֶערְן דֶערְצֵיילְט מֶען נָאר גוּטְס אוּן מֶען בְּרֶענְגְט זֵיי נָאר נַחַת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע אַייעֶרֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~

**דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה וֶועסְטוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ד׳ כִּסְלֵו, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.
~~~~~~~~~~

שְׁטַארְק זִיךְ אִין לִימּוּד הַתּוֹרָה; אַז דוּ לִיגְסְט אִין בְּלָאטֶע, דוּ טוּסְט עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן אוּן דוּ ווִילְסְט אַרוֹיסְגֵיין דֶערְפוּן, זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוֹק וְלֹא יַעֲבוֹר אַ דַף גְמָרָא.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה פֶּרֶק ד, הֲלָכָה ח): "כֵּיוָן שֶׁקִּבַּלְתֶּם עֲלֵיכֶם עוֹל תּוֹרָה - מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִילּוּ לֹא חֲטָאתֶם מִיָּמֵיכֶם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ דֶעם עוֹל תּוֹרָה - דָאס הֵייסְט עֶר נֶעמְט זִיךְ פָאר צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה - זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, רֶעכְן אִיךְ אִים כְּאִילּוּ עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט.

אֲפִילּוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט, זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא, דָאס וֶועט דִיר אָפְּוואשְׁן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִילּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילּוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָּׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם. וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ", וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיס גֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דֶעם שְׁמוּעֶס, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג): "צִי תּוֹרָה קֶען אוֹיךְ הֶעלְפְן אַזַא אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין דִי עֶקֶלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, רַחְמָנָא לִצְלָן?" הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים אוּן גֶעזָאגְט: "דוּ וֵויסְט ווִי גְרוֹיס דֶער כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז? תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס, אֲפִילּוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס וֵוייקְט זִיךְ אִין דִי עֶקֶלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, רַחְמָנָא לִצְלָן, וֶועט אִים דִי תּוֹרָה רַאטֶעוֶוען".

הֵייבּ הַיינְט אָן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא, דִי הַיינְטִיגֶע בְּלַאט גְמָרָא אִיז מַסֶכֶת נִדָּה דַף מ.

שְׁרַייבּ מִיר צוּרִיק אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ גֶע׳פּוֹעֶל׳ט בַּיי דִיר.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

**נִישְׁט דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן קִינְד לָשׁוֹן הָרָע אוֹיף אִיר טַאטֶע.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ד' כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי הוֹדָעָה.

עֶס טוּט זֵייעֶר וֵויי צוּ הֶערְן אַזֶעלְכֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע מַעֲשִׂיּוֹת; עֶס אִיז אַזוֹי שְׁרֶעקֶעדִיג וֶוען מֶען הֶערְט וִוי מֶענְטְשְׁן וָואס שְׁטֶעלְן זִיךְ אַהֶער וִוי שֵׁיינֶע מֶענְטְשְׁן זָאלְן שְׁטִילֶערְהֵייט טוּן אַזֶעלְכֶע רִשְׁעוּת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ. עֶס אִיז נִישְׁט דָא וָואס צוּ טוּן, מִיר קֶענֶען נָאר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז, מִיר זָאלְן שׁוֹין אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּנֶעם בִּיטֶערְן גָלוּת, עֶס זָאל שׁוֹין זַיין (יְשַׁעְיָהוּ יא, ט): "לֹא יָרֵעוּ וְלֹא יַשְׁחִיתוּ בְּכָל הַר קָדְשִׁי כִּי מָלְאָה הָאָרֶץ דֵּעָה אֶת ה', כַּמַּיִם לַיָּם מְכַסִּים".

בְּנוֹגֵעַ דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן קִינְד; אִיר זָאלְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן קִינְד אַלֶע פָּאלְטִיק אוּן לָשׁוֹן הָרָע אוֹיף אִיר טַאטֶע, וָואס וֶועט אִיר הָאבְּן פוּן דֶעם אַז זִי וֶועט וִויסְן וָואס דֶער טַאטֶע הָאט גֶעטוּן מִיט אִיר מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם? זִי דַארְף אִים דָאךְ סֵיי וִוי מְכַבֵּד זַיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל מְכַבֵּד זַיין דִי עֶלְטֶערְן, אֲפִילוּ דִי עֶלְטֶערְן פִירְן זִיךְ נִישְׁט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין. אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַיךְ זֵייעֶר גוּט, אִיר שְׁפִּירְט וִוי אִיר ווִילְט שְׁרֵייעֶן אִין דִי גַאסְן מֶען זָאל וִויסְן אַז מֶען הָאט דָא גֶעפֵּיינִיגְט אַן אוּמְשׁוּלְדִיגֶע מֶענְטְשׁ אוּן מֶען הָאט אִיר אַזוֹי דֶערְבִּיטֶערְט בִּיז זִי אִיז נֶעבֶּעךְ אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט; אָבֶּער וָואס וֶועט אִיר הָאבְּן וֶוען דִי קִינְדֶער וֶועלְן דָאס וִויסְן? עֶס וֶועט אַרוֹיס קוּמֶען פוּן דֶעם נָאר עַגְמַת נֶפֶשׁ.

אַז אִיר ווִילְט טוּן אַ טוֹבָה פַאר אַייעֶר שְׁוֶועסְטֶער'ס נְשָׁמָה זָאלְט אִיר נָאר אוֹיפְבּוֹיעֶן אִירֶע קִינְדֶער; אִיר זָאלְט קֵיינְמָאל נִישְׁט רֶעדְן צוּ זֵיי שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אַ צְוֵוייטְן אוּן זִיכֶער נִישְׁט אוֹיף זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, וֶועלְן זֵיי אוֹיפְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן זֵיי וֶועלְן מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַאר זֵייעֶר מַאמֶע.

...

~~~~~~~~~~~

**אַנְטְלוֹיף פוּן תַּאֲוַת מָמוֹן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ב' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ד' כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.
~~~~~~~~~~~

זַיי נִישְׁט אַזוֹי קַארְג אִין שְׁטוּב, גֶעבּ אַפָּאר דָאלֶער פַּאר דַיין וַוייבּ. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעהָאלְפְן הָאסְט אַזוֹי שֵׁיין חֲתוּנָה גֶעהַאט, זָאלְסְטוּ גֶעבְּן פַּאר דַיין וַוייבּ אַפָּאר דָאלֶער. זַיי נִישְׁט קַיין קַמְצָן, דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (תִּקּוּנֵי זוֹהַר, הַקְדָמָה ב.): "קַמְצָן נָבָל בְּמָמוֹנֵיהּ, דְּלָאו אִיהוּ נָדִיב וְלָאו אִיהוּ מִזַּרְעָא דַּאֲבָהָן", אַ קַמְצָן אִיז אַ נָבָל, דָאס אִיז אַ סִימָן עֶר שְׁטַאמְט נִישְׁט פוּן אִידְן רַחְמָנָא לִצְלָן.

רֶבִּי חַיִּים וִויטַאל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ שְׁרַייבְּט (שַׁעַר הַמִּצְוֹות, פָּרָשַׁת עֵקֶב): "רָאִיתִי לְמוֹרִי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה 'שֶׁלֹּא הָיָה חוֹשֵׁשׁ בְּעַצְמוֹ לְהִתְכַּבֵּד בְּמַלְבּוּשִׁים נָאִים יוֹתֵר מִדַּי'", אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען בַּיי מַיין רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל, וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ קוֹיפְן בְּגָדִים פַּאר זִיךְ הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקוֹיפְט קַיין טֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער, "גַּם בְּמַאֲכָלוֹ הָיָה אוֹכֵל דָּבָר מוּעָט מְאֹד", אוֹיךְ פְלֶעגְט עֶר נִישְׁט עֶסְן קַיין סַאךְ, עֶר פְלֶעגְט עֶסְן זֵייעֶר וֵוייניג, "אֲבָל בְּמַלְבּוּשֵׁי אִשְׁתּוֹ, הָיָה זָהִיר מְאֹד לְכַבְּדָהּ וּלְהַלְבִּישָׁהּ", אָבֶּער וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ זַיין וַוייבּ הָאט עֶר זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אִיר צוּ מְכַבֵּד זַיין מִיט שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער, "וְהָיָה מַפִּיק כָּל רְצוֹנָהּ אַף אִם לֹא הָיְתָה יָדוֹ מַשֶּׂגֶת כָּל כָּךְ", עֶר הָאט אִיר צוּפְרִידְן גֶעשְׁטֶעלְט דָאס מֶערְסְטֶע וָואס מֶען קֶען, אֲפִילוּ עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט דָאס צוּ קֶענֶען טוּן.

וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז אוֹיבּ מֶען פַאלְט אַרַיין אִין דִי תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כג): "וְאֵלּוּ בְּנֵי אָדָם הַנּוֹפְלִים בְּתַאֲווֹת מָמוֹן", דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס לוֹיפְן נָאךְ גֶעלְט אוּן טְרַאכְטְן נָאר פוּן גֶעלְט, "וְאֵינָם מַאֲמִינִים שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יָכוֹל לְפַרְנֵס אֶת הָאָדָם בְּסִבָּה קַלָּה", זֵיי גְלֵייבְּן נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען זֵיי הֶעלְפְן אוּן וֶועט זֵיי הֶעלְפְן, "וְרוֹדְפִים אַחַר פַּרְנָסָתָם בִּיגִיעוֹת גְּדוֹלוֹת", נָאר זֵיי לוֹיפְן נָאךְ דִי גֶעלְט מִיט אַלֶע כֹּחוֹת, "וְהֵם אוֹכְלֵי לֶחֶם בְּעִצָּבוֹן", דִי זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג בְּעַצְבוּת, "אֵלּוּ בְּנֵי אָדָם נִקְשָׁרִים בְּפָנִים דְּסִטְרָא אָחֳרָא - אֱלֹהִים אֲחֵרִים", זֵיי זֶענֶען נֶעבֶּעךְ צוּגֶעבִּינְדְן צוּ דִי סִטְרָא אַחְרָא, "חֹשֶׁךְ, בְּחִינַת מִיתָה", עֶס אִיז זֵיי שְׁטֶענְדִיג פִינְסְטֶער, זֵיי לֶעבְּן אַ טוֹיטֶע לֶעבְּן.

עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען דֶעם תּוֹרָה אוּן זֶען וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט, אִין וָואס פַאר אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה דִי מֶענְטְשְׁן וָואס לִיגְן אִין תַּאֲוַת מָמוֹן גֶעפִינֶען זִיךְ; דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט: "כִּי רֹב הָעוֹלָם נִלְכְּדוּ בָּזֶה - הַיְנוּ בְּתַאֲוַות מָמוֹן", רוֹב וֶועלְט אִיז גֶעכַאפְּט נֶעבֶּעךְ אִין דֶעם קְלָלָה פוּן נָאכְלוֹיפְן אוּן טְרַאכְטְן אַ גַאנְצְן צַייט פוּן גֶעלְט, "וְהַמָּמוֹן הוֹרֶגֶת וּמְמִית אוֹתָם", בִּיז זֵיי שְׁטַארְבְּן פוּן נָאכְלוֹיפְן גֶעלְט. אוּן דֶער רֶבִּי פִירְט אוֹיס: "וְאִי אֶפְשָׁר לְהִנָּצֵל מִזֶּה, כִּי אִם עַל יְדֵי הַצַּדִּיק", מֶען קֶען נִישְׁט גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן דֶעם נָאר דוּרְךְ דֶעם צַדִּיק.

אַמָאל הָאט מֶען גֶעהֶערְט פוּן דִיר: "הַפָּצָה", "הַפָּצָה", "הַפָּצָה", הָאסְט גֶעזוּכְט ווִי מֶען קֶען אַרַיין בְּרֶענְגֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין דִי וֶועלְט, הַיינְט הֶערְט מֶען: "גֶעלְט", "גֶעלְט", "גֶעלְט"; "ווִי קֶען מֶען מַאכְן גֶעלְט?" "וֶוער הָאט גֶעלְט?" "דֶער הָאט גֶעלְט?" אִין בֵּית הַחַיִּים נֶעמְט מֶען נִישְׁט מִיט קַיין גֶעלְט, דָארְט נֶעמְט מֶען נָאר מִיט תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~

**כַאפּ אַרַיין פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ה' כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר הֵייבּ אָן לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת; זָאג דִי וֶוערְטֶער אוּן קוּק נִישְׁט אוֹיף דֶעם וָואס דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט. זָאג אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, דָאס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן יא): וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעקוּמֶען צוּ פַּרְעֹה בֶּעטְן עֶר זָאל אַרוֹיס שִׁיקְן דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל זֵיי גֶעבְּן דִי תּוֹרָה בַּיים בַּארְג סִינַי, הָאבְּן אִים דִי כִּישׁוּף מַאכֶער'ס גֶעפְרֶעגְט: "תֶּבֶן אַתָּה מַכְנִיס לַעֲפָרַיִם?" דוּ ווִילְסְט נֶעמֶען אִידְן וָואס זֶענֶען עֲפָרַיִם אַזוֹי ווִי עֶרְד - אוֹיף זֵייעֶר אַ נִידֶערִיגֶע מַדְרֵיגָה, אוּן אִין זֵיי ווִילְסְטוּ אַרַיין בְּרֶענְגֶען 'תֶּבֶן' - גֶעטְלִיכְקֵייט?! הָאט זֵיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אָמְרֵי אֱנָשֵׁי: לְמָתָא יַרְקָא, יַרְקָא שְׁקֵל", יָא, מֶען קֶען נֶעמֶען אַ מֶענְטְשׁ, אֲפִילוּ עֶר אִיז טִיף אִין דֶער עֶרְד; עֶר לִיגְט אִין בְּלָאטֶע, עֶר אִיז נֶעבֶּעךְ אַרַיין גֶעפַאלְן אִין גְרָאבֶּע עֲבֵירוֹת, עֶר אִיז בֶּאֱמֶת אַ שְׁטִיק 'עָפָר' אוּן אִים צוּ בְּרֶענְגֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת; אוֹיבּ וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ אָנְהֵייבְּן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "אָמְרֵי אֱנָשֵׁי" - זָאגְן אוּן זָאגְן בְּלֶעטֶער גְמָרָא אוּן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, "יַרְקָא" אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן תְּשׁוּבָה, עַיֵּין שָׁם.

אִיךְ וֵוייס אַז דוּ בִּיסְט פַארְיָאגְט אוּן דוּ קֶענְסְט קוּים אָטֶעמֶען, דוּ בִּיסְט אַיינְגֶעטוּנְקֶען רֹאשׁוֹ וְרֻבּוֹ אִין בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, דָאךְ זָאלְסְטוּ אַרוֹיס כַאפְּן אַפָּאר מִינוּט אַ טָאג צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת לא.): וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אַרוֹיף אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט פְרֶעגְט מֶען אִים: "קָבַעְתָּ עִתִּים לַתּוֹרָה?" בְּפַשְׁטוּת מֵיינְט מֶען אִים צוּ פְרֶעגְן צִי עֶר הָאט גֶעהַאט אַ קְבִיעוּת'דִיגֶער שִׁיעוּר יֶעדְן טָאג
~~~~~~~~~~

צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה. אָבֶּער דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רפד) אַז 'קֶבַע' אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן 'גְזֵלָה', אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי כב, כג): "וְקָבַע אֶת קֹבְעֵיהֶם נָפֶשׁ"; דָאס אִיז פְּשַׁט פוּן דִי שְׁאֵלָה, מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ: 'קָבַעְתָּ עִתִּים לַתּוֹרָה' הָאסְט אַרָאפּ גֶע'גַנֶב'עֶט צַייט צוּ לֶערְנֶען? הָאסְט אַרוֹיס גֶעכַאפְּט פוּן דַיין פַּארְנוּמֶענֶעם טָאג אַפָּאר מִינוּט פַאר תּוֹרָה?

נֶעם מִיט דִיר מִיט אַ זֶעקֶל סְפָרִים אוּן וֶוען דוּ הָאסְט אַפָּאר מִינוּט זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל מִשְׁנָיוֹת, תְּהִלִּים וְכַדוֹמֶה. אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד אִיז אַמָאל גֶעפָארְן צוּ אַ יְרִיד מִיט זַיין סְחוֹרָה, אִינְמִיטְן וֶועג הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט אַ שְׁטַארְקֶע רֶעגְן אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ פָארְן, הָאט עֶר זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אוּן אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט אַ דֶעכְל אוֹיפְ'ן וָואגְן אוּן זִיךְ גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען זַיינֶע שִׁיעוּרִים קְבוּעִים. אִינְמִיטְן אִיז רֶבִּי נָתָן אַרִיבֶּער גֶעפָארְן אוּן גֶעזֶען וִוי דֶער אִיד זִיצְט דָארְט אוּן לֶערְנְט זַיינֶע שִׁיעוּרִים מִיט אַ חַיוּת, מִיט אַ גֶעשְׁמַאק... שְׁפֶּעטֶער הָאט רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען וִוי דֶער אִיד הָאט הֲנָאָה גֶעהַאט אַז עֶס רֶעגְנְט, אַזוֹי קֶען עֶר נִישְׁט אַרְבֶּעטְן אוּן עֶר קֶען אַבִּיסְל לֶערְנֶען".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~

**אַ פְרֵיילִיכֶע אַטְמָאסְפֶער צְוִוישְׁן דִי קִינְדֶער.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ה' כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרַט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'.**

שְׁטַארְקְס אַייךְ מִיט אַייעֶר הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן זַיין אַ טִיטְשֶער אִין בֵּית פֵיגָא, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי נְיוּ יָארְק.

מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי שְׂכַר פוּן לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער, זֵיי אוֹיפְצוּעֶן עַל דֶרֶךְ הַתּוֹרָה.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַסַאךְ בְּרִיוְון וִוי אַזוֹי צוּ פִירְן דִי יְשִׁיבָה; שְׁטֶענְדִיג הָאט מִיר מוֹהֲרָא"שׁ בַּאטָאנְט דִי נְקוּדָה, אַז אִיךְ זָאל זֶען עֶס זָאל זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע אַטְמָאסְפֶער צְוִוישְׁן דִי בָּחוּרִים. וַוייל שִׂמְחָה אִיז דִי הַצְלָחָה; אַז עֶס אִיז דָא שִׂמְחָה אִיז דָא מוֹחִין, עֶס עֶפְנְט דִי מֹחַ, אַזוֹי קֶען מֶען מְקַבֵּל זַיין וָואס מֶען לֶערְנְט.

דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר זֶען צוּ טַאנְצְן יֶעדְן טָאג מִיט דִי קִינְדֶער (מִיט אַ בַּאשְׁטִימְטֶע צַייט) אוּן זֵיי כְּסֵדֶר גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, וֶועט אִיר הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה.

...
~~~~~~~~~~~

~~~~~~~~~~

**קְבִיעוּת עִתִּים לְתּוֹרָה.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ה' כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן דִיר אַז דוּ בִּיסְט קוֹבֵעַ עִתִּים לַתּוֹרָה, דוּ לֶערְנְסְט פַארְטָאגְס אִין כּוֹלֵל בּוֹקֶר הִלְכוֹת טָהֳרָה; טוּר בֵּית יוֹסֵף אוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ מִיט אַלֶע נוֹשְׂאֵי כֵלִים. אוֹיךְ לֶערְנְסְטוּ בַּיינַאכְט גְמָרָא, דוּ הַאלְסְט מִיט דֶעם דַף גְמָרָא וָואס מִיר לֶערְנֶען.

אִיךְ הָאף צוּ קוּמֶען בַּאזוּכְן אִין שְׁטֶעטְל לְכָל הַפָּחוֹת אֵיינְמָאל אַ וָואךְ, סֵיי עֶנְק צוּ מְחַזֵּק זַיין אוּן סֵיי אִיךְ זָאל הָאבְּן חִיזוּק. וֶוען אִיךְ גֵיי צוּ אַייךְ אִין שְׁטֶעטְל וֶוער אִיךְ זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן אַייךְ, צוּ זֶען אַזַא שֵׁיינֶע חַבוּרָה טֵייעֶרֶע מִשְׁפָּחוֹת וָואס לֶעבְּן מִיט דִי לִימוּדִים וָואס מוֹהֲרַאְ"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט - מִיט אַזַא אַחְדוּת, מִיט אַזַא לִיבְּשַׁאפְט.

אַ גְרוּס פוּן דַיין טָאכְטֶער; פָארִיגֶע וָואךְ דָאנֶערְשְׁטָאג בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אוֹיף אַ בַּאזוּךְ אִין חֵדֶר אוּן אִין סְקוּל, וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, מִיר הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט וָואס צוּ שֶׁעמֶען פוּן קַיין שׁוּם מוֹסָד אִין דִי וֶועלְט.

דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף עַל טַהֲרַת הַקוֹדֶשׁ, זֵיי לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה. דִי מֵיידְלֶעךְ זֶענֶען זֵייעֶר צְנִיעוּת'דִיג, מַמָּשׁ וִוי אַזוֹי מוֹהֲרַאְ"שׁ הָאט גֶעוָואלְט.

...

~~~~~~~~~~

**לָאז נִישְׁט דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע דִיר צֶעבְּרֶעכְן.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ה' כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ'.**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, קְלַאפּ זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ; לָאז נִישְׁט דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע דִיר צֶעבְּרֶעכְן. דוּ בִּיסְט זֵייעֶר אַ ווּאוֹילֶע פְרוֹי, דוּ בִּיסְט אַ גְרוֹיסֶע צַדֶיקֶת.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג דִי תְּפִלָּה וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעשְׁרִיבְּן [דִי תְּפִילָּה אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו]; בֶּעט אִים יֶעדְן טָאג עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי גֶעווּאוֹינְהֵייט צוּ קוּקְן מָאוִוי"ס וֶועסְטוּ מִיט דִי צַייט פָּטוּר וֶוערְן פוּן דֶעם.

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי מַתָּנָה וָואס עֶר הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן, אַ מַתָּנָה פוּן הִימְל, אַ טֵייעֶרֶער מַאן, רֶעד שֵׁיין צוּ אִים אוּן זַיי אִים מְכַבֵּד. הַאלְט טֵייעֶר אוּן חָשׁוּב דַיין מַאן, וַוייל נִישְׁט יֶעדֶער אִיז זוֹכֶה צוּ אַזַא מַאן, זָאלְסְטוּ אִים שֶׁעצְן. אוּן אִין דֶעם זְכוּת וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער, דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת.

לֵייג אַוֶועק אַלֶע בְּרִיוְון וָואס אִיךְ שְׁרַייב דִיר אוּן פוּן צַייט צוּ צַייט זָאלְסְטוּ דָאס אִיבֶּערְגֵיין אוּן זִיךְ אִיבֶּערְפְרִישְׁן דֶערְמִיט.

...

[דָא אִיז דִי תְּפִילָה וָואס וֶוערְט דֶערְמַאנְט אִינֶעם בְּרִיוו:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר מַיין שֵׁיינֶע לֶעבְּן וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן שְׁפִּירְן שְׁטֶענְדִיג ווִי דוּ בִּיסְט מִיט מִיר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, קִינְדֶער וָואס וֶועלְן דִיר דִינֶען.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען פְרֵיילִיךְ מַאכְן מַיין מַאן, עֶס זָאל זַיין נָאר לִיבְּשַאפְט צְווִישְׁן מִיר אוּן מַיין מַאן. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אוֹיפְהֶערְן קוּקְן מָאוִויס, עֶס צִיעֶט מִיר שְׁטֶענְדִיג צוּ קוּקְן נָאךְ אוּן נָאךְ, אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דֶעם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל דָאס אָפְּלָאזְן אוּן אַיינְזֶען דִי נַארִישְׁקַייט פוּן קוּקְן מָאוִויס.

אֵייבֶּערְשְׁטֶער זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעקוּקְט בִּיז אַהֶער, אִיךְ בִּין נִישְׁט שׁוּלְדִיג, קֵיינֶער הָאט מִיר נִישְׁט גֶעזָאגְט אִין מַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן ווִי שֶׁעדְלִיךְ דָאס אִיז, אִיךְ הָאבּ זִיךְ צוּגֶעווָאוֹינְט אַלְץ יוּנְגֶע מֵיידְל צוּ קוּקְן אוּן יֶעצְט אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ אָפְּצוּלָאזְן פוּן דֶעם, בֶּעט אִיךְ דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער זַיי נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר, אִיךְ גֵיי פְּרוּבִּירְן דָאס בֶּעסְטֶע וָואס אִיךְ קֶען אוּן הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אָנְהֵייבְּן לֶעבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע לֶעבְּן".]

...

~~~~~~~~~~~

דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַוֶועק שְׁטֶעלְן אַ מִנְיָן אִין רֶבִּינְ'ס בֵּית הַמֶּדְרָשׁ.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ה' כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.

דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס אוּן זֵייעֶר וִויכְטִיג, אָבֶּער ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז נָאךְ גְרֶעסֶער אוּן נָאךְ ווִיכְטִיגֶער אִיז אַוֶועק שְׁטֶעלְן אַ מִנְיָן אִין רֶבִּינְ'ס בֵּית הַמֶּדְרָשׁ.
~~~~~~~~~~~

אַז דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק צוּ קוּמֶען יֶעדְן טָאג אִינְדֶערְפְרִי מִיט נָאךְ אַפָּאר חֲבֵרִים דַאוֶונֶען אִין צַייט וֶועסְטוּ זֶען אַז בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט וֶועט אִיר הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶע מִנְיָן, אוּן דֶער זְכוּת וֶועט זַיין דַיינְס.

דֶערִיבֶּער, אַז דוּ שְׁטֵייסְט אוֹיף שְׁפֶּעט וְכוּ׳, דֶעמָאלְט זָאלְסְטוּ זוּכְן אַ מִנְיָן וְכוּ׳, אָבֶּער אַז דוּ ווִילְסְט קוֹבֵעַ זַיין אַ מִנְיָן זָאלְסְטוּ נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם וָואס עֶס אִיז נִישְׁט דָא פּוּנְקְט מִנְיָן יֶעדְן טָאג, נָאר שְׁטֵיין בַּיים עָמוּד מִיט אַן עַקְשָׁנוּת יֶעדְן טָאג אִין צַייט, וֶועסְטוּ זֶען אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן גְרוֹיס מִנְיָן.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָאס פוּן נִסָּיוֹן; אִיךְ בִּין דָאס אַרִיבֶּער וֶוען מֶען הָאט אוֹיפְגֶעמַאכְט דֶעם בֵּית הַמִּדְרָשׁ אִין ווִילִיאַמְסְבּוּרְג, מֶען הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעמוּטְשֶׁעט מִיט מִנְיָן. דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דַאוֶונֶען אִין צַייט אֲפִילוּ אָן מִנְיָן, יֶעדְן שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי אוּם נַיין אַזֵייגֶער בִּין אִיךְ גֶעשְׁטַאנֶען בַּיים עָמוּד אֵיינֶער אַלֵיינְס בִּיז נִשְׁמַת, אַמָאל בִּיז בָּרְכוּ אוּן אַמָאל בִּיז שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה. בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט אִיז גֶעוֶוען אַ שֵׁיינֶע קְבִיעוּת׳דִיגֶער מִנְיָן.

...

~~~~~~~~~~

**יְיַשֶׁר כֹּחַ פַּאר׳ן מִיר הֶעלְפְן בַּאצָאלְן דִי חוֹבוֹת.**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ה׳ כִּסְלֵו, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ דַאנְק דִיר פַּאר׳ן מִיר הֶעלְפְן בַּאצָאלְן דִי חוֹבוֹת אִין וָואס אִיךְ בִּין אַרַיינְגֶעפַאלְן; אִיךְ דַארְף יֶעצְט בַּאצָאלְן נַיינְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער, אִיךְ וֵויים נִישְׁט פוּן וואוּ אִיךְ וֶועל עֶס בַּאצָאלְן וֶוען עֶס אִיז הַכִּיס רֵיק וְאֵין בּוֹ.

מַיין גַאנְצֶע נֶחָמָה אִיז "כִּי אֵלֶיךָ עֵינֵינוּ", מַיינֶע אוֹיגְן קוּקְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶוען אִיךְ קוּק אוֹיף צוּרִיק זֶע אִיךְ אַז עֶס אִיז אַ שָׁאד צוּ זָארְגְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן בִּיז אַהֶער וֶועט מִיר זִיכֶער הֶעלְפְן וַוייטֶער. אַז דוּ וֶועסְט זַיין דֶער גוּטֶער שְׁלִיחַ וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין, אוּן אַז נִישְׁט וֶועט אַ צְוֵוייטֶער זוֹכֶה זַיין, נָאר שֶׁענֶער אוּן בֶּעסֶער וֶועט זַיין אַז דוּ וֶועסְט מִיר הֶעלְפְן.

שְׁטַארְק זִיךְ, הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא, דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן דַיין זִיווּג. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט צוּ הֶערְן אַ תְּפִלָּה פוּן דִיר, עֶר ווִיל הֶערְן דַיין קוֹל, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (שִׁיר הַשִּׁירִים ב, יד): "הַרְאִינִי אֶת מַרְאַיִךְ, הַשְׁמִיעִינִי אֶת קוֹלֵךְ כִּי קוֹלֵךְ עָרֵב וּמַרְאֵיךְ נָאוֶה", דַיין קוֹל אִיז זִיס.
~~~~~~~~~~

פָאלְג דֶעם רֶבִּי'ן; גֵיי אִין אַ ווִינְקֶל וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן בֶּעט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ ווִיל זַיין אַ אִיד, אִיךְ ווִיל חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן זַיין אַן אָדָם הַשָּׁלֵם"; זָאג עֶס אִיבֶּער אָן אַ שִׁיעוּר מָאל.

...

~~~~~~~~~~~

**ווִיפִיל מָאל דוּ פַאלְסְט נָאר, הוֹיבּ זִיךְ צוּרִיק אוֹיף.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ה' כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

קוֹדֶם כָּל בֶּעט אִיךְ דִיר זָאלְסְט נִישְׁט זַיין בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר אַז עֶס נֶעמְט אַזוֹי לַאנְג בִּיז אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר צוּרִיק אוֹיף דַיין בְּרִיוו, זַיי מִיר דַן לְכַף זְכוּת, אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְנוּמֶען, אִיךְ קוּם פָּשׁוּט נִישְׁט אָן צוּ עֶנְטְפֶערְן אוֹיף אַלֶע בְּרִיוְון.

אִיךְ בֶּעט דִיר טֵייעֶרֶער ..., שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת נִישְׁט צוּ ווֶערְן צֶעפַאלְן, אֲפִילוּ דֶער יֵצֶר הָרָע הַאלְט דִיר אִין אֵיין אַרָאפּ ווַארְפְן, עֶר ווַארְפְט דִיר אַרָאפּ אִין פְּגַם הַבְּרִית, אִין הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחְמָנָא לִצְלָן - אֵיין מָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, דָאךְ זָאלְסְטוּ צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, ווֶעט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר אוּן דִיר מְקָרֵב זַיין צוּ אִים.

מוֹהֲרָא"ש שְׁרַייבְּט (אֶרֶךְ אַפַּיִם פֶּרֶק ד', סַבְלָנוּת לַבָּחוּר): עֶס אִיז דָא אַ מַלְאָךְ הַקָּדוֹשׁ "עֶזְרִיאֵל" ווָאס עֶר אִיז גֶעשְׁטֶעלְט אִין הִימְל אַרוֹיפְצוּטְרָאגְן דִי תְּפִילוֹת פוּן בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ ווָאס ווֵיינֶען אוּן שְׁרֵייעֶן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן אוּן אַזוֹי אַרוּם נִיצוֹל ווֶערְן פוּן עֲבֵירוֹת. עֶס אִיז דָא אִין דֶעם גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת ווָאס מֶען קֶען נִישְׁט אַנְטְפְּלֶעקְן, ווֶער דֶער מַלְאָךְ אִיז אוּן ווָאס זַיין זַאךְ אִיז (קוּק עֶס נָאךְ).

בֶּעט אִיךְ דִיר טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ..., זַיי זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, הֵייבּ אָן פוּנְדָאסְנַיי, הֵייבּ אָן נָאכְאַמָאל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן אֲפִילוּ דוּ ווֶעסְט דַארְפְן אָנְהֵייבְּן טוֹיזְנְט מָאל זָאלְסְטוּ מַאכְן טוֹיזְנְט הַתְחָלוֹת, דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן הָאט עֶר גֶעמַאכְט טוֹיזְנְט הַתְחָלוֹת אִין אֵיין טָאג.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָא אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה ווָאס דוּ זָאלְסְט זִיךְ יֶעדְן טָאג מִתְבּוֹדֵד זַיין מִיט דֶעם:
~~~~~~~~~~~

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר, רַאטֶעוֶוע מִיר פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס לָאזְט מִיר נִישְׁט אָפּ, עֶר וַוארְפְּט מִיר כְּסֵדֶר אַרָאפּ אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחֲמָנָא לִצְלַן, וְויפִיל אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ זַיין גוּט וֶוער אִיךְ נָאר מֶער אוּן מֶער דֶערְוַוייטֶערְט פוּן דִיר. טַאטֶע זִיסֶער, אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, אִיךְ בִּין אַזוֹי וַוייט פַארְקְרָאכְן פוּן דִיר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אָפְּלָאזְן מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ הָאבּ אַ שְׁטִיקֶל לִימוּד זְכוּת אוֹיף מִיר, נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם אַ תֵּירוּץ אוֹיף וָואס אִיךְ טוּ, נָאר אַ שְׁטִיקֶל לִימוּד זְכוּת. עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין עֶרְלִיךְ אוּן רֵיין וְוילַאנְג אִיךְ בִּין אַלֵיין. אִיךְ וְויל חֲתוּנָה הָאבְּן, אִיךְ וְויל אַ וַוייבּ וָואס זָאל מִיר אָפְּהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין אַזוֹי לַאנְג אַלֵיינְס, נִישְׁט אַז דָאס אִיז אַ תֵּירוּץ אוֹיף מַיינֶע מַעֲשִׂים. אִיךְ וֵויס אַז אִיךְ בִּין שׁוּלְדִיג, אִיךְ זָאג דִיר צוּ טַאטֶע זִיסֶער אַז אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט טוּן קַיין שְׁלֶעכְטְס, אִיךְ בֶּעט דִיר הֶעלְף מִיר".

אַזוֹי אוּן נָאךְ מֶער זָאלְסְטוּ טַעְנֶה'ן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט קוּמֶען דֶער הֵיילִיגֶער מַלְאָךְ אוּן אַרוֹיף נֶעמֶען דַיינֶע תְּפִילוֹת, אוּן דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ בְּקָרוֹב.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

~~~~~~~~~~

**הַאלְט דַיין וַוייבּ חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ה' כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאף אַז דוּ הָאסְט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט; אַז דַיין וַוייבּ וֶועט שְׁפִּירְן אַז זִי אִיז חָשׁוּב בַּיי דִיר וֶועט זִי דִיר לָאזְן גֵיין אוּן קוּמֶען וְכוּ' וְכוּ'; אָבֶּער אַז דוּ וֶועסְט אִיר נִישְׁט דַארְפְן, זִי וֶועט שְׁפִּירְן וִוי זִי אִיז דָאס לֶעצְטֶע זַאךְ בַּיי דִיר, וֶועט זִי נִישְׁט אָפְּקוֹיפְן וָואס אִימֶער דוּ וֶועסְט נָאר טוּן פַאר אִיר. וְויפִיל דוּ וֶועסְט נָאר פְּרוּבִּירְן אִיר צוּ הֶעלְפְן וֶועט זִי שְׁפִּירְן וִוי דוּ טוּסְט דָאס אַלֶעס נָאר מִיט דִי כַּוָנָה צוּ קֶענֶען אַנְטְלוֹיפְן פוּן שְׁטוּב וְכוּ'.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, לָאז אַלֶעס אָפּ; נֶעם דִיר אַרַיין אִין קָאפּ דָאס וָואס אִיךְ זָאג דִיר: דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעהָאלְפְן מִיט אַן אֵשֶׁת חַיִל, מִיט לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער - דַארְפְן זֵיי זַיין דָאס עֶרְשְׁטֶע בַּיי דִיר, דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס מֶען דַארְף שְׁפִּירְן, מֶען קֶען דָאס נִישְׁט מַאכְן וְכוּ'. אַז דוּ וֶועסְט הַאלְטְן דַיין וַוייבּ חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר וֶועט זִי דָאס גְלַייךְ
~~~~~~~~~~

שְׁפִּירְן, אַז דוּ וֶועסְט שְׁמֵייכְלֶען צוּ אִיר, דוּ וֶועסְט רֶעדְן שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער, אִיר בַּאגִיסְן מִיט גוּטֶע הַארְצִיגֶע וֶוערְטֶער, דֶעמָאלְט וֶועט זִי גָארְנִישְׁט דַארְפְן, דוּ וֶועסְט קֶענֶען קוּמֶען אוּן גֵיין וְכוּ׳, וְכוּ׳.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט אַרְבֶּעטְן אוֹיף דֶעם; זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען דִי חֲסָדִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶר הָאט דִיר גֶעגֶעבְן אַ מַתָּנָה אַן אֵשֶׁת חַיִל וָואס צִיט אוֹיף אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּב.

אִין שְׁטוּב לֶעשׁ אוֹיס דַיין טֶעלֶעפָאן, אֲפִילוּ דִי כָּשֵׁר׳עֶ טֶעלֶעפָאן; זָארְג נִישְׁט, דִי וֶועלְט וֶועט זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְן אָן דִיר...

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

~~~~~~~~~~

**ווי שֶׁעמְט זִיךְ נִישְׁט אַ אִיד צוּ רֶעדְן צוּ אִידְן אַנְטְקֶעגְן דִי תּוֹרָה.**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ה׳ כִּסְלֵו, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳.**

נִסֵּי נִסִּים אַז דוּ בִּיסְט פָּטוּר גֶעוָוארְן פוּנֶעם מְנֻוָּול פוּן מָאנְסִי וָואס הָאט גֶערֶעדְט צוּ דִיר אוּן דַיין מַאן אַנְטְקֶעגְן דִי תּוֹרָה, עֶר הָאט חוֹזֶק גֶעמַאכְט פוּן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר; וִוי שֶׁעמְט זִיךְ נִישְׁט אַ אִיד צוּ רֶעדְן צוּ אִינְגֶעלַייט אוּן וַוייבֶּער אַנְטְקֶעגְן דִי תּוֹרָה, אַנְטְקֶעגְן דִי הֵיילִיגֶע זוֹהַר.

דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (נָשֹׂא קכה:): ״׳תּוּנְבָא לֵיתֵי׳ אַ קְלָלָה זָאל קוּמֶען, ׳עַל הַהוּא בַּר נָשׁ׳ אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, ׳דְּשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ׳ וָואס לָאזְט זַיין וַוייבּ, ׳דְּתִתְחַזֵי מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר׳ אַז אִיר הָאר פוּן קָאפּ זָאל זִיךְ אַרוֹיסְזֶען. ׳וְדָא הוּא חַד מֵאִינוּן צְנִיעוּתָא דְּבֵיתָהּ׳, אוּן דָאס אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּב, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זֶען דִי הָאר פוּן דִי פְּרוֹי; זָאגְט וַוייטֶער דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר: ׳וְאִתְּתָא דַּאֲפִיקַת מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר׳ אוּן אַ פְּרוֹי וָואס גֵייט מִיט אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע הָאר, ׳לְאִתְתַּקְנָא בֵּיהּ׳ זִיךְ שֵׁיין צוּ מַאכְן, ׳גָּרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא׳ אִיז זִי גוֹרֵם אַז עֶס זָאל זַיין אָרֶעמְקַייט אִין שְׁטוּב, ׳וְגָרִים לִבְנָהָא דְּלָא יִתְחַשְׁבוּן בְּדָרָא׳ אוּן זִי אִיז גוֹרֵם אַז אִירֶע קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין אוּן זֵיי וֶועלְן נִישְׁט זַיין חָשׁוּב, ׳וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְּשַׁרְיָא בְּבֵיתָא׳ אוּן זִי אִיז גוֹרֵם אַז דִי ס״מ אוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע זָאלְן זַיין אִין אִיר שְׁטוּב. ׳מַאן גָּרִים דָּא?׳ וֶוער אִיז דָאס אַלֶעס גוֹרֵם? ׳הַהוּא שַׂעֲרָא דְּאִתְחֲזֵי מֵרֵישָׁהּ לְבַר׳ דִי פְּרוֹי וָואס אִיר הָאר זֶעט זִיךְ אַרוֹיס.״
~~~~~~~~~~

וואָרְף אַוֶועק אַלֶע פְּרִיצוּת׳דִיגֶע קְלֵיידֶער, טְרָאג עֶס אַרוֹיס פוּן דַיין שְׁטוּבּ אוּן פוּן דִי שְׁטָאט וואוּ דוּ וואוֹינְסְט, ווייל אוֹיף דִי אַלֶע קְלֵיידֶער רוּעֶן דִי שֵׁדִים וְרוּחוֹת רָעוֹת וָואס מַאכְן צָרוֹת פַאר מֶענְטְשְׁן, אַזוֹי וֶועסְטוּ פָּטוּר וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

אַז דוּ פַארְרוּפְסְט זִיךְ בְּרֶסְלֶב׳עֶ חֲסִידִים, אִיר פַארְרוּפְט זִיךְ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, וָואס דַארְפְט אִיר גֵיין צוּ אַנְדֶערֶע נֶעמֶען הַשְׁקָפוֹת? אִיר הָאט דָאךְ אַ בְּרוּנֶעם פוּן מַיִם חַיִּים, פֵיינֶע פְרִישֶׁע קְוָואל וַואסֶער פוּנֶעם נַ׳חַל נ׳בֵעַ מְ׳קוֹר חָ׳כְמָה (מִשְׁלֵי יח, ד) - דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וָואס אִיז מְרוּמָז אִין דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דֶעם פָּסוּק; וָואס קֶוועלְט אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע עֵצוֹת אוּן חִיזוּק פַארְ׳ן לֶעבְּן, וָואס דַארְפְסְטוּ נֶעמֶען (יִרְמְיָהוּ ב, יג): "לַחְצֹב לָהֶם בֹּארוֹת בֹּארֹת נִשְׁבָּרִים", אַזוֹי וִוי דֶער נָבִיא קְלָאגְט שׁוֹין, "אֹתִי עָזְבוּ, מְקוֹר מַיִם חַיִּים", אִיר הָאט מִיר אִיבֶּער גֶעלָאזְט, פֵיינֶע וַואסֶער, אוּן אִיר זֶענְט גֶעגַאנְגֶען טְרִינְקֶען פוּן שְׁמוּצִיגֶע וַואסֶער.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן: "וֶוען וֶוערְט אַ קֶעלְבְל קְרֶעצִיג? וֶוען דִי זֵייגְט פוּן צְוֵויי קוּעֶן""; אַז אִיר זֶענְט תַּלְמִידִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, וָואס גֵייט אִיר צוּ אַ טִיפּוּשׁ, אַ מְשׁוּגָע׳נֶעם אִין מָאנְסִי וָואס פַארְנַארְט מֶענְטְשְׁן אוּן רֶעדְט אַנְטְקֶעגְן דִי תּוֹרָה אוּן אַנְטְקֶעגְן צַדִּיקִים.

...

~~~~~~~~~~~

**אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין חֲבֵרִים, אוֹיבּ יָא אִיז דִי וַוייבּ דֶער עֶרְשְׁטֶער**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ה׳ כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעזָאגְט: "אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין חֲבֵרִים, אוֹיבּ יָא אִיז דִי וַוייבּ דֶער עֶרְשְׁטֶער"; אַלֶע חֲבֵרִים זֶענֶען גוּטֶע חֲבֵרִים וִוי לַאנְג זֵיי קֶענֶען הָאבְּן אַ טוֹבַת הֲנָאָה פוּן דִיר, אָבֶּער וֶוען דוּ וֶועסְט זַיין אִין אַ צָרָה וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִיר.

בֶּעט אִיךְ דִיר טֵייעֶרֶער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, לָאז שׁוֹין אָפּ, הֶער אוֹיף נָאכְלוֹיפְן מֶענְטְשְׁן; עֶנְדֶערְשׁ זִיךְ אִין שְׁטוּבּ מִיט דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, הֶעלְף דַיין וַוייבּ מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן אַז דִי דַארְף נִישְׁט דַיין הִילְף זָאלְסְטוּ אַבִּיסְל לֶערְנֶען אִין שְׁטוּבּ. דִי וֶוענְט אִין שְׁטוּבּ וֶועלְן וֶוערְן אָנְגֶעזַאפְּט מִיט תּוֹרָה, דִי וֶוענְט וֶועלְן אַרוֹיס שְׁרֵייעֶן: ׳דָא וואוֹינְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד׳, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית יא.): "בֵּיתוֹ שֶׁל אָדָם וְקוֹרוֹת בֵּיתוֹ שֶׁל אָדָם מְעִידִים בּוֹ", דִי וֶוענְט פוּנֶעם שְׁטוּבּ זָאגְן עֵדוּת וָואס עֶס טוּט זִיךְ אִין שְׁטוּבּ; דִי דַאךְ
~~~~~~~~~~~

שְׁרֵייט אַרוֹיס וָואס דָא טוּט זִיךְ, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (חֲבַקוּק ב, יא): "כִּי אֶבֶן מִקִּיר תִּזְעָק, וְכָפִיס מֵעֵץ יַעֲנֶנָּה".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~